STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06475

LIDER UN DERTSEYLUNGEN

Rivke Galin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה גאַלין

לידער
און
דערציילונגען

ארויסגעגעבן פון רבקה גאלין בוך קאמיטעט
ניו יארק, 1937

266

רבקה גאַלין

ווערטער

ווערטער אומעטיקע, קאַלטע,
האָבן אָנגעקלאַפּט צו מיר,
און פאַרחלשטע און מידע
זיך צעשאָטן באַ מיין טיר.
כ'האָב זיי איינציקווייז געקליבן
און געצערטלט שטילערהייד;
אין מיין האַרצן זיי געוואַרעמט
מיט מיין צער און מיט מיין פרייד.
ביז זיי האָבן זיך צעזונגען,
פול מיט זיסן פרייד און פיין
און ווי פייגעלעך צעפלויגן,
אין דער וויטער וועלט ארײַן.

ערשטער טייל

טײַבעלע

Copyright 1937
by RIVKE GALIN BOOK COMMITTEE
New York

הויפט פאַרקויף ביי :

RIVKE GALIN BOOK COMMITTEE
c/o DR. J. KLING
995 East 181st Street
Bronx, N. Y.

רבקה גאָלין

(ביאָגראַפישער איבערבליק)

רבקה גאָלין איז געבאָרן אין 1890־טן יאָר אין אַ קליין ליטוויש שטעטל לעבעוויטש, סלוצקער קרייז. איר פאָטער, דוב בער, איז געווען אַ געלערנטער איד, אַ סוחר. די מוטער אירע, טויבע, איז געווען זייער אַ קלוגע, אַ גוטע און אַ איידעלע, האָט זייער ליב געהאַט לייענען ביכער, באַזונדערס לידער. די לידער, וואָס זיינען איר מער געפעלן געוואָרן, פלעגט זי פאַרשרייבן אין אַ העפט, פלעגט זיי אָפט לייענען, און צו די מער באַליבטע פלעגט זי אַפילו צוטראַכטן מאַטיוון. זי האָט איר גוטסקייט, איידלקייט און ליבע צו ליטעראַטור איינגעפלאַנצט אין איר קינד. אָבער טויבע האָט לאַנג ניט געלעבט. זי איז געשטאָרבן צו ניין און צוואַנציק יאָר און האָט איבערגעלאָזן פינף פיצלאַך קינדער, פון וועלכע די צעניאָריקע רבקה׳לע איז געווען די עלטסטע. נאָך דער מוטערס טויט האָט רבקה׳לען צו זיך גענומען די באָבע פון דער מוטערס צד. די באָבע האָט געפירט אַ פאַבריק פון סטאָליער קליי, וואָס האָט זיך גוט פאַרקויפט אין ליטע. און אַזוי ווי די באָבע איז געווען אַלע מאָל שטאַרק פאַרנומען אין איר פאַבריק, האָט זי זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט רבקה׳לען, האָט די אויפזיכט צו דערציען רבקה׳ן אויף זיך גענומען איר פעטער, דער מוטערס ברודער, אַלטער גאָוזע — אַ גאַנץ געבילדעטער יונגערמאַן. ער האָט פאַר איר גענומען די בעסטע מלמדים און לערער און האָט זיך אַליין אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט אירע לעקציעס, אָפט איר אין די לעקציעס צוגעהאָלפן און אויך איר געגעבן העברעאישע און רוסישע ביכער צו לייענען.

רבקה האָט אַרויסגעוויזן גרויס פיייִקייטן און אַ סך חשק צום לערנען. אין גיכן האָט זי שוין געקענט דעם חומש און תנך און אין איר פרייער צייט האָט זי געלייענט, און טאַקע אַ סך געלייענט. צו פופצן יאָר איז זי שוין געווען גוט באַקאַנט מיט די רוסישע, העברעאישע און אידישע קלאַסיקער.

איר פאָטער האָט אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט און איז אין גיכן אוועקגעפאָרן אין אַמעריקע. צו זעכצען יאָר איז רבקה אויך געקומען אין אַמעריקע, זיך אָפּגעשטעלט אין ניו יאָרק און איז גלייך אוועק אַרבעטן: נייען קליידער אין אַ פאַבריק, און אין די אָוונטן האָט זי זיך געלערנט מיט גרויס התמדה ענגליש.

ניו יאָרק האָט פאַר איר אַ נייע וועלט אַנטפּלעקט — אַ גייסטיקע וועלט. אַזוי פיל אידישע טעאַטערס, צייטונגען און זשורנאַלן, קאָנצערטן, לעקציעס, פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. און אַ געבאָרענעם דורשט נאָך אַ גייסטיקן לעבן האָט זי געהאַט אַ מערקווירדיקן. מען דאַרף אומעטום גיין, מען דאַרף אַלעמען אויסהערן, מען דאַרף מיט אַלץ באַקענען זיך. זי וואַרפט זיך אַריין אין דעם גייסטיקן ניו יאָרקער אידישן קאָך־קעסל מיטן גאַנצן ברען און אימפּעט פון איר דורשטיקער זוכנדיקער נשמה. אַ גאַנצן טאָג אין פאַבריק, אין אָוונט אויף אונטערנעמונגען און ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענען.

און זי האָט ניט אויסגעהאַלטן. נאָך אַ פאָר יאָר פון אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז זי קראַנק געוואָרן, און די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאַרלאָזן ניו יאָרק. זי פאָרט אין די בערג, פאַרבעסערט אַביסל איר געזונט און קומט ווידער אין ניו יאָרק. זי מוז אָבער ווידער גיין אַרבעטן, און די קרענק רופט זיך ווידער אָפּ. דאָס מאָל שיקן איר די דאָקטוירים אין דענווער פון׳ם שטאַט קאָלאָראַדאָ, וואו זי קומט אָן אין אַ סאַניטאַריום פאַר לונגען קראַנקע.

אין סאַניטאַריום שטודירט זי ערנסט די ענגלישע און אידישע פּאָעזיע און הויבט אָן אַליין פאַרבהאַלטענערהייט צו דיכטן. אַ גאַנצן ביכל מיט לידער

אנגעשריבן, אבער זי ווייזט זיי קיינעם ניט, שיקט זיי ערגעץ ניט. האָט מורא — דער רעדאַקטאָר זאָל זיי פּשוט ניט ארויסוואַרפן. אין דער זעלבער צייט לייענט זי אין עטלעכע שפּראַכן די פּאָעזי פון דער וועלט. קען אויף אויסווייניק וויטמאַן, סטיווענסאָן, פּאָ און אנד. אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט פאָלקלאָר.

אין דענווער באַקאַנט זי זיך און באַפריינדעט זיך מיט איר ליבסטן אידישן פּאָעט יהואש, און ער מאַכט אויף איר אַן אויסערגעוויינלאַכן שטאַרקן איינדרוק.

ווען זי פאַרלאָזט דעם סאַניטאַריום גייט זי ווידער אַרבעטן. דערווייל קומען אירע שוועסטער פון לעבעוויטש אין ניו יאָרק און רבקה פליט אין ניו יאָרק — צו זיין צוזאַמען מיט זיי. זי איז גליקלאַך: זי איז מיט אירע שוועסטער. זי זעט זיך מיט אירע נאָענטע קרובים, וועלכע זי האָט אַזוי היים ליב. נאָר ניט לאַנג איז איר באַשערט געווען איר גליק צו זיין מיט אירע שוועסטער אין ניו יאָרק. זי מוז צוריק פאָרן אין דענווער אין סאַנאַטאָריום..

אין סאַנאַטאָריום דערוויסט זי זיך, אַז אין סאַן־פראַנציסקאָ (אין קאַליפאָרניע) געפינט זיך איינער אַ מישקאָווסקי, וואָס איז אין לעבעוויטש געווען איר באַליבטער לערער. פאַרט זי אין סאַן־פראַנציסקאָ זען איר יוגנט־לערער מישקאָווסקען. נאָר יענעם געפינט זי ניט. אנשטאט אים באַקאַנט זי זיך מיטן לערער און שריפטשטעלער נח מישקאָווסקי, מיט וועלכן זי האָט שפּעטער חתונה.

נח מישקאָווסקי דערזעט אין איר אַ גרויסן דיכטערישן און דערציילערישן טאַלאַנט. ער גיט איר צו מוט, שאַפט ביי איר מער גלויבן אין זיך, אין איר טאַלאַנט און גיט איר צו חשק ערנסטער אויף זיך צו אַרבעטן. ער שיקט אירע אייניקע לידער, ווי „אָט ליג איך“, „ארום איז אויסגעשפּרייט די נאַכט“ אין דער לאָס־אַנדזשעלעסער צייטשריפט „פּראָגרעס“ און אירע דערציילונגען — „פון טאָג בוך“, „ליזעס תכלות“ אין דער ניו־יאָרקער „פרייער ארבייטער שטימע“ און אירע לידער און דערציילונגען ווערן גלייך אָפּגעדרוקט. דאָס איז געווען אין 1915.

אין 1917 פאַרלאָזט זי מיט איר מאַן סאַן־פראַנציסקאָ. זיי ווילן זען דעם וויטן מזרח, זען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און באַזוכן איר היים שטעטל לעבעוויטש. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די האַוואַיען אינזלען, געווען אין יאַפּאַן, קאָרייע, כינע, און צוליב דעם בירגער קריג אין רוסלאַנד, זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף גאַנצע פיר יאָר אין כאַרבין, מאַנדזשוריע. אין כאַרבין איז צו יענער צייט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אידישע באַפעלקערונג מיט אַ סך קולטורעלע אינסטיטוציעס ווי — אידישיסטישע, אַזוי אויך העברעאיסטישע. די העברעאיסטן האָבן זיך גרופּירט אַרום דער כאַרבינער העברעאישער גימנאַזיע, און די אידישיסטן אַרום דעם אידישן ליטעראַרישן, מוזיקאַלישן און דראַמאַטישן קלוב (אימאַלדאַג). ביים קלוב האָט זיך געגרינדעט אַ אידישער שלום עליכם קינדער גאַרטן. מען האָט דאָן געפּלאַנעוועט אידישע אַרבעטער אוונט קורסן. אויך איז געווען אין כאַרבין אַ אידישער טעאַטער (פּישאַנס טרופּע), און די רייכסטע אידישע ביבליאָטעק פון גאַנץ אַזיע. און רבקה גאַלין פאַראינטערעסירט זיך דאָ צום ערשטן מאָל מיט אידישער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט. אַ שטוים צו דעם האָבען איר געגעבן די לערער און לערערנס פון דעם שלום עליכם קינדער־גאַרטן. זיי האָבן געפילט אַ שרעקלאַכן מאַנגל אין לידלאַך, מעשה'לאַך, שפּילערייען פאַר די קינדער, און זיי האָבן זיך געווענדט צו רבקהן, זי זאָל זיי ארויסהעלפן, זי האָט אנגעשריבן פאַר זיי אַ מאַסנשפּיל אין פערזן „דער ווינטער און דער פרילינג“ אין וועלכער זי שטעלט פאַר דעם קאַמף און דעם זיג פון דעם פרילינג איבערן ווינטער. עס קעמפן די קינדער פרעסטעלאַך, שנייעלאַך מיט די קינדער גרעזעלאַך, בלימעלאַך, בוימעלאַך. די לערער פירן דורך מיט די קינדער די שפּיל און די אידישע באַפעלקערונג נעמט אויף די שפּיל פון די פיצלאַך קינדער מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. (אַ שאָד, וואָס די שפּיל איז ערגעץ ניט געווען געדרוקט און איז אַזוי אַרום פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר די אידישע קינדער גערטנער).

די לערער קומען אָפּט און בעטן נאָך און נאָך. און רבקה שרייבט פאַרן קינדער גאַרטן „אַ מאַנטשיק מיידעלע“, „טוק־טוק“, „אַ קעצעלע“, „אַלע פיר“ און אנד. יעדע לידל נעמען אויף די לערער און די קינדער מיט פרייד.

די קינדער לערנען זיך אויס דעקלאַמירען זיי, פון די קינדער לערנען זיך אויס די עלטערן און די אידישע באַפעלקערונג פון כאַרבין דעקלאַמירט אירע קינדער לידער.

און פון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבן שרייבן קינדער און מוטער לידער, און אויף די קינדער לידער האָט זי ביזן לעצטן אָטעם צוק אוועקגעגעבן איר גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט. מעגלאַך, אַז אירע לידער פאַר קינדער אין דעם עלטער פון פינף־זעקס יאָר, זיינען געווען די ערשטע אין דער אידישער ליטעראַטור.

איר ערשטע מוטער ליד „ווען מיר טרעפט״ איז אויך געשריבן אין יענער צייט אין כאַרבין. דאָס ליד איז גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסישן זשורנאַל, אין אָריגינאַל איז זי אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט מיט צוועלף יאָר שפּעטער.

אין גיכן ווערט זי די לערערן אויף די אוונט קורסן פאַר דערוואַקסענע. זי נעמט אויף זיך די אַרבעט מיט פרייד. אַלס לערערן אויף די אוונט קורסן פאַר אידישע אַרבעטער, האָט זי זיך דער אַרבעט איבערגעגעבן מיט איר גאַנצן האַרצן און מיט אַלע פיברן פון אירע רייכער נשמה, כאָטש זי איז געווען ניט געניט געזונט פאַר אַזאַ שווערער און פאַראַנטוואָרטלאכער אַרבעט.

אויך נעמט זי אונטער דער רעזשי פון ציליע בודקין אַנטייל אין דעם דראַמאַטישן אָפּטייל פונ׳ם אידישן קלוב, שפּילט אין „נאָך דער קבורה״, פון י. ל. פרץ אין דעם גרעסטן זאַל פון כאַרבין און איר שפּילן נעמט אויס.

נאָר מער פון אַלץ און אַלעמען האָט זי ליב קינדער, די פּשוטע אידישע פאָלקס־קינדער. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז ביי איר געווען פאַרברענגען מיט די קינדער, שפּילן זיך מיט זיי, קויפן זיי גוטע זאַכן און זען, ווי די קינדער האָבן פאַרגעניגן פון דעם אַלץ. זי פלעגט קענען גאַנצע טעג פאַרברענגען מיט קינדער, לערנען זיי פאַרשיידענע שפּילן, דערציילן זיי מעשׂות, טאַנצן מיט זיי.

אין כאַרבין ווערט רבקה אַליין אַ מוטער פון אַ מיידעלע, וועלכע זי האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך איר מוטער — טייבעלע. טייבעלע איז פאַר איר געוואָרן אַלץ אין דער וועלט: איר אָנהאַלט אין לעבן, איר זין פון לוידן, איר העכסטער אינטערעס, איר גרעסטער גליק. און זי גיט זיך אָפּ צו איר קינד. נאָר אין איר גליק איז זי ניט רואיק, ווייסנדיק, אַז אַליין איז זי קראַנק, אַז איר מוטער איז יונגערהייט געשטאָרבן. עס מאַטערט איר כסדר אַ פאָרגעפיל, אַז דאָס קינד, איר טייערע טייבעלע, איז איר געגעבן געוואָרן אויף אַ קורצע צייט, בלויז צו־צוהאַלטן.

עס ווערט איר דערעסן פאַרבלייבן ווייטער אין כאַרבין צווישן די כינעזער. דאָס קינד איז שוין אַלט דריי יאָר. מען קען שוין פאָרן ווייטער. זי באַשליסט צו פאָרן אין ארץ ישׂראל. די פאַמיליע פון דריי מאַכט איצט אַ רייזע איבער סיביר, ווידער כינע, יאַפּאַן, קאָרייע, פאָרט דורך גאַנץ אינדיע, שטעלט זיך אָפּ אין די צפון אַפריקאַנישע לענדער, פאָרט צוריק אַריין אין אַזיע שטעלט זיך אָפּ אין תימן, אַראַביע, פאָרט דורך דעם סועץ קאַנאַל און קומט קיין ארץ ישׂראל. דאָרט פאַרבלייבט זי אַ גאַנץ יאָר. כאָטש רבקה לעבט אין אָרימקייט, דאָך לעבט זי דאָרטן אַ פולן רייכן לעבן. אַלץ אינטערעסירט איר, פון דער אויפבוי אַרבעט אין א. י. ווערט זי באַגייסטערט. זי מאַכט אַ רייזע איבערן לאַנד, באַזוכט די קאָלאָניעס, שטודירט דעם אידישן לעבן פון אַמאָל, שטודירט די אידישע טיפּן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זיינען געקומען העלפן דעם אויפבוי פון דאָס אַלט־ניילאַנד. דאָרט ווערט אָפּגעפרישט איר קענטשאַפט אין העברעאיש, און פאַר דעם יאָר זיך אויסגעלערנט גוט די שפּראַך אי אין ריידן און אי אין שרייבן. דאָך גלויבט זי ניט אין די באַמיאונגען פון די העברעאיסטן צו פאַרוואַנדלען די אידן אין א. י. אין אַ העברעאיש־שפּרעכענדיקן שבט. זי איז פאַר אידיש אין א. י. און שרייבט דאָרט, פאַרשטייט זיך אין אידיש, אַ סך לידער און אייניקע דערציילונגען.

פון ארץ ישׂראל פאָרט זי צוריק אין אַמעריקע דורך מצרים, אַלזשיר, מאַראָקאָ, פאַרביי דעם גיבראַלטאַר, אָפּשטעלנדיק זיך אויף צוויי חדשים אין איטאַליע און קומט אין 1922 אין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק דערווייסט זי שוין, צו איר גרויסער פרייד, אַ גאַנצע נעץ פון אידישע שולן פון איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, פונ׳ם אַרבעטער רינג און פון

שלום עליכם אינסטיטוט. עס גייען שוין ארויס צוויי קינדער זשורנאלן — „קינדערלאנד“ פון ארב. רינג און „קינדער זשורנאל“ פון דעם שלום עליכם אינסטיטוט. זי הויבט אן מיטארבעטן אין „קינדערלאנד“ און גיט זיך ווידער אפ אין גאנצן דער אידישער קינדער ליטעראטור.

אזוי ארבעט זי אנגעשטרענגט אויף אירע לידער איינינגע יאר ביז... עס טרעפט איר א גרויס אומגליק — איר טעכטערל טייבעלע שטארבט אין עלטער פון זעקס און האלב יאר. רבקה האט דעם קלאפ נישט געקענט אריבערטראגן. זי האט פארלארן דעם גאנצן מוט צום לעבן און איז ערנסט קראנק געווארן. איר קינדס טויט האט איר ארייַנגעלייגט אין בעט, פון וועלכער זי איז שוין כמעט ניט אויפגעשטאנען. גאנצע צען יאר, וואס זי האט נאך געלעבט נאך איר קינדס טויט, האט זי מערסטנס פארבראכט אין סאניטאריומס, אין שפיטאלן. פלעגט ארויסגיין אין גאס אין גאר זעלטענע פאלן. אירע גייסטיקע ליידן זיינען געווען טויזנטער מאל שטארקער, ווי די פיזישע.

נאר דורך דער צייט, וואס זי איז געלעגן אין בעט אין געראנגל פון לעבן און טויט, פלעגט זי זיך דאך אינטערעסירן מיטן ארומיקן לעבן מיט אירע קרובים, פריינט, טעאטער, ליטעראטור און צו דער זעלבער צייט, אין איר איינזאמקייט, פלעגט זי אפט שרייבן אירע הארציקע לידער. אירע לידער האבן איר געגעבן א שטיקעלע אנהאלט אין איר לעבן. זי דרוקט אירע קינדער לידער אין „קינדער וועלט“, „קינדער־זשורנאל“, „אמעריקאנעם“, „צוקונפט“, „גרינינקע ביימעלאך“, חבר“, קינדערלאנד“ און אין די פארשיידענע קינדער־ווינקלען פון דער אידישער טעגלאכער פרעסע. אירע לידער גייען אריין אין די פארשיידענע כרעסטאמאטיעס, לערן ביכלאך, טעקסט ביכער, מען שאפט צו זיי מוזיק און זיי ווערן געזונגען אין די קעמפס, אויף קינדער אונטערנעמונגען און קאנצערטן.

אויסער קינדער און מוטער לידער האט זי אויך געשריבן ריין לירישע לידער און דערציילונגען, וועלכע זיינען שטארק געליבט געווארן. אט די לידער און דערציילונגען גייען דאס איצט צום ערשטן מאל אריין אין א בוך פארם.

און זייענדיק אין 1933 אויף איר בעט אין מאנטעפיארע שפיטאל, האט זי איבערגעלעבט א מאמענט פון שטארקער פרייד, ווען מען האט איר געבראכט איר בוך מיטן נאמן „טייבעלע“, און באטש אירע טעג זיינען געווען געציילטע, האט אויפגעטליעט אין איר א נייער פלאם פון לעבן.

אמת איז, אז זי האט קראנקערהייט אויפן בוך שטארק געארבעט: איבערגעשריבן א סך לידער, איינגעטיילט דעם בוך אין זייטן, אין אפטיילונגען, אליין באשטעלט די אילוסטראציעס, אליין קארעגירט, שטארק אינטערעסירט זיך מיטן פאפיר, איינבונד. א פינף־זעקס חדשים האט זי אויף דעם אנגעשטרענגט געארבעט. די דאקטוירים פון מאנטעפיארע שפיטאל האבן איר געגעבן א באזונדער צימער, וואו זי זאל קענען אומגעשטערט ארבעטן. און ווען זי האט דערזען צום ערשטן מאל איר בוך, האבן זיך ביי איר באוויזן טרערן פון פרייד.

אין איר באשיידנקייט האט זי איר דיכטערישן טאלאנט שטענדיק אונטערגעשאצט, און קיינמאל ניט געווען זיכער וועגן דעם ווערט פון אירע לידער. האט קיינמאל ניט באלעסטיקט מיט איר דיכטערישער ארבעט. אין זעלטענע פאלן האט זי אירע לידער געלייענט און דאס אויך בלויז פאר די גאר גאר נאענטע. זי פלעגט זיך אפט וואונדערן, וואס מען דרוקט אירע לידער, וואס מען בעט ביי איר לידער...

די קריטיקער און רעצענזענטן וואס האבן זיך אפגערופן מיט ליבע געזאנגען וועגן איר בוך, האבן געמאכט א איבערקערעניש אין איר זעלבסט־אפשאצונג. הייסט עס, אז אירע לידער זיינען גוטע, מען רעכנט זיך מיט איר, מען נעמט איר אריין אין דער ליטעראַרישער משפחה, מען גיט איר א פיינעם ארט אין דער אידישער פאעזיע.

***

געשטארבן איז רבקה גאלין אין מאנטעפיארע שפיטאל דעם 8־טן אויגוסט, 1935.

I

אַ מאַנטשיק מײדעלע

אַ מאַנטשיק מײדעלע

אַזאַ מאַנטשיק מײדעלע
טאָר ניט זיצן שפּעט.
זי דאַרף זאָגן: „מאַמעלע,
איך װיל גײן אין בעט“.

און אַז מאַנטשיק מײדעלע
שלאָפֿן גײט אַלײן —
װאַקסט זי װי אַ בײמעלע,
אַזױ הױך און שײן.

נאָר אַז מאַנטשיק מײדעלע
זאָגט: איך װי־ניט, נײן!
װאַקסט זי װי אַ קירבעסל,
קײלעכדיק און קלײן.

טוק — טוק

טוק — טוק — טוק —
ווער קלאַפּט אין מיין טיר ?
ס׳קלאַפּט אַ בלאָנדע מיידעלע
אין דער מאַמעס טיר.

— בלאָנדע, בלאָנדע מיידעלע,
וואָס האָסטו געבראַכט ? —
האָט זי זיך ווי זילבערנע
גלעקעלעך צעלאַכט.

„פון די זאַנגען גאָלדענע
איז מיין קעפּל געלער,
פון די פרילינגס ליכטיקע
בין איך צאַרטער, העלער.

פון די קאָרנבלימעלעך
מיינע אויגן בלויער.
ברענג איך זיסע פרייד אַ סך,
טרייב איך זאָרג און טרויער.

מיינע קליינע פיסעלעך
טאַנצן אויס אַ מעשה
פון די טעג די ליכטיקע
פון די נעכט די ווייסע.

כ׳האָב אַ בלאָנדן אוצרל
מאַמעלען געבראַכט״,
האָט זי זיך ווי זילבערנע
גלעקעלעך צעלאַכט.

אַ פינגערל

מיין מומע האָט אַ פינגרל,
אַ גאָלדענעם געבראַכט,
מיט שטיינדעלעך, וואָס שימערן
ווי פייערלעך באַנאַכט.

מיין מאַמע לאָזט ניט אָנטאָן אים
זי זאָגט : זי האָט ניט האָלט.
זי זאָגט, אַז קלאָרע הענטעלעך
איז שענער נאָך פון גאָלד.

זי זאָגט : אַזעלכע פינגערלעך
איז טראָגן גאָר ניט שיין
פאַר אַ גוטע מיידעלע,
וואָס איז נאָך אַזוי קליין.

מיר ווילט זיך זייער טראָגן אים
און איך האָב גרויס פאַרדראָס,
נאָר מאַמע זאָגט אַלץ: ניין און ניין,
פאַרשטיי איך ניט פאַרוואָס.



אַ קעצעלע

כ׳האָב אַ ליבע קעצעלע,
וויים איז זי ווי שניי,
מיט שיינע גרינע אויגעלעך
ווי פייער בליצן זיי.

באַדאַרפט איר זען מיין קעצעלע,
מיטן צינגל ווי זי לעקט,
מיטן פיצל נעזעלע
ווי זי זובט און שמעקט.

איך עפן נאָר די אייגעלעך —
זי שטייט שוין בא מיין טיר,
זי שאָקלט מיטן קעפעלע:
גוט מאָרגן, זאָגט זי מיר.

איך ליב אַזוי מיין קעצעלע,
מיר שפילן נאָר באַנאַנד,
זי טרינקט נאָר פון מיין טעצעלע,
זי עסט נאָר פון מיין האַנט.

איך וויל גיין אַ באָרוועסע...

איך וויל גיין אַ באָרוועסע.
לאָז מיך, מאַמע, לאָז.
כ'וויל מיט הוילע פיסעלעך
אומלויפן אין גראָז.

ס'קיצלט אין די פיסעלעך,
און עס קילט אזוי
פון די הויכע גרעזעלעך
און די טראָפנס טוי.

אַלע פיר

אַלע פיר, אַלע פיר,
ווארטן מיר ביים טיר.
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

קומט צופאָרן פּאַפּאַ,
ברענגט אַ גרויסן פּאַק,
קיכעלעך, צוקערלעך,
נים אַ פולן זאַק.

נאַשן מיר, טאַנצן מיר
טאַנצן אַלע פיר:
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

אַ בוך

מיין פּאַפּאַ געבראַכט מיר אַ בוך
מיט מעשה׳לעך שיינע — אַ פּראַכט.
איך לייען זיי טויזנטער מאָל,
איך לייען בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

איך ליג אין מיין ווייכינקער בעט,
איך מאַך נאָר די אויגעלעך צו:
פאַרשווינדט באַלד מיין היים און מיין שטאָט,
איך טראָג זיך אין ווייט — ערגעץ וואו.

ווי ווערט מען שוין אַלט אַ יאָר צען —
איך וואָלט זיך געלאָזט אין דער וועלט,
איך וואָלט אַלע וואונדער געזען
און וואָלט זיי פאַר קינדער דערצעלט.

איך וואָלט עס באַשריבן אַליין,
און קינדערשע הערצלעך דערפרייט,
מיט מעשה׳לעך שיינע פון ים,
פון העלדן פון נאָענט און ווייט.

פול מיין דאַך

פול מיין דאַך מיט טייבעלעך
איז דאָ ערשט געווען —
כ׳האָב מיט געלע קערנדלעך
אַלע צוגעזען.

שטורם, שוואַרצער שטורם האָט
זיך אַהער פאַרקליבן —
מיינע שיינע טייבעלעך
ערגעץ וואו פאַרטריבן.

איך האָב ליב

איך האָב ליב מיין ברודער,
איך האָב ליב מיין שוועסטער,
און פון אלע טאַטעס
מיינער איז דער בעסטער.

נאָר מיין ליבע מאַמע
ליב איך מער פון אַלע,
ווען איך זיין אַ גרויסע,
וועל איך זיין דיין כלה.

דו, דו אײדעלע

דו, דו אײדעלע,
ביזט אַ שלעכטע מיידעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געשלאָגן מיט אַ קלעצעלע.

דו, דו פרײדעלע,
ביזט אַ גוטע מיידעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געגעבן פוטער פלעצעלע.

דו, דו מינדעלע,
ביזט די בעסטע קינדעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געגעבן מילך אַ טעצעלע.

דו, דו אַרעלע,
ביזט אַ קליינער נאַרעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געגעבן גאָר אַ באַרעלע.

אַ וואונדער שפּיגל

איך חלום האָט מען מיר באַנאַכט
אַ וואונדער־שפּיגעלע געבראַכט.
איך קוק אין שפּיגל נאָר אַריין,
און וואָס איך וויל, דאָס קען איך זיין.

בו . . איך בין אַ גרויסער בער,
איך קריך אַרום אַהין, אַהער.
די מענטשן ווערן ווילד פאַר שרעק
און לויפן ווייט פון מיר אַוועק.

און וויל איך אַ קוקאַווקע זיין ? —
קו־קו ! קו־קו ! — אין וואַלד אַריין !
און אין דעם גרינעם טיפן וואַלד
צעקלינגט זיך הויך מיין שטימע באַלד.

די קינדער מאַכן נאָך מיין קול :
קו־קו ! קו־קו ! — נאָך אַ מאָל.
און אַלע שמייכלען, הערן צו :
קו־קו ! קו־קו ! — וואו ביסטו ?

און איצטער בין איך גאָר אַ ווינט,
און אַלע זוכן אום דאָס קינד,
אין יעדן ווינקל, אומעטום,
און איך נעם אַלעמען אַרום.

איך שפּיל זיך מיט מיין מאַמעס האָר
און קוש און וואָרף איך איר אַ פּאָר.
און קיינעם, קיינעם פאַלט ניט איין,
אַז איך זאָל גאָר אַ ווינטל זיין.

איך לאַך און טאַנץ מיט לייכטע טריט
און קיינער, קיינער זעט מיך ניט.
ווייל לייכטער בין איך פון אַ רויך,
און דינער בין איך פון אַ הויך.

און איצט וויל איך אַ מאַמע זיין,
האָב איך אַ דינסט און קינדער ניין.
איך נעם זיי אלעמען אין גאַס,
און איך האָב שפּאַס, אזוי פיל שפּאַס !

נאָר ווי עס קומט דער אָוונט אָן,
דאַן ווילט זיך מיר שוין גאָר ניט טאָן.
איך וויל ניט מער — קיין בער, קיין ווינט,
איך ווער צוריק אַ קליינעם קינד.

איך גיי אריין אין מאַמעס שוים.
זי קושט מיר יעדן אבר אוים.
זי טוט מיך אוים; זי דעקט מיך איין,
און וויגט מיך אין מיין בעטל איין.

קויף ביליג

קויף אַ פּעקל, קויף אַ זעקל,
ביליג, גוט און זיס,
גוט צו לעקן, גוט צו שמעקן,
גוט צו טאָן אַ ביס.

ניט קיין פערדל, ניט קיין שווערדל
האָב איך דאָ אין פּאַק,
נאָר אַ קליינע מיידל שיינע —
האָב איך דאָ אין זאַק...

דאָס קראַנקע קינד

כ׳וויל ניט מער קיין מעשהלעך,
און קיין צאַצקעס דאָ,
כ׳וויל ניט מער קיין מעדיצין
נעמען אַלע שעה.

כ׳קען ניט ליגן מער אין בעט,
קוקן אויף די ווענט.
נעם מיך, מאַמעלע, אַרויס,
נעם מיך אויף די הענט.

הייב מיך אויף און דעק מיך איין,
און צום פענצטער קום.
וועל איך זען, ווי שוועלבעלעך
פליען הויך אַרום.

וועל איך זען ווי הינדעלעך
לויפן נאָך דער הון,
און ווי גרינע גרעזעלעך
ציען זיך צו זון.

אויף אַ קליינע ווײַלינקע
מאַך דאָס פענצטער אויף,
וועל איך זען, ווי קינדערלעך
שפּילן זיך אין הויף.

וועט מיר אפשר מאָרגן שוין
גאָר ניט מער טאָן וויי,
וועל איך קענען אומלויפן
שפּילן זיך מיט זיי.



אַ זון און רעגן

אַך, ווי שיין אַ זון און רעגן,
יאַנטעף שוועבט אַף גרינע וועגן ,
פיצלעך זונען שטיפן אום,
שפּריצן, בליצן, אומעטום.

ווי אין כישופדיקן טאַנץ
טונקט זיך אַלץ אין גאָלד און גלאַנץ,
און דער נאַסער גרינער גראָז
ווערט גאָר פלוצים געל און ראָז

אין דעם רעגנבויגן-שיין
פלאָנטערן זיך קינדער איין,
באָרוועסינקע טאַנצן זיי
מיט אַ פריילעכן געשריי.

פינף קליינע הינדעלעך

פינף קליינע הינדעלעך
האָט אויסגעפּיקט די הון,
זיצן זיי און וואַרימען זיך
אַלע אויף דער זון.
זיצן זיי און וואַרימען זיך
אַלע אויף דער זון.

פינף געלע פּיסקעלעך
עפענען זיך אויף,
זוכן זיי, זוכן זיי
קערנדלעך אין הויף.
זוכן זיי, זוכן זיי
קערנדלעך אין הויף.

שרייט די מאַמע־קוואָקע
קוואָ קוואָ קוואָ!
היט זיך, היט זיך, הינדעלעך,
ווייל די קאַץ איז דאָ.
היט זיך, היט זיך,הינדעלעך,
ווייל די קאַץ איז דאָ.

איידעלע

אַז איידעלע, שיין מיידעלע,
אין דאָרף איז אָנגעקומען —
האָט יעדעס בלימעלע אין פעלד
מיט פרייד זי אויפגענומען.

און אויפגעוועקט האָט איר פאַרטאָג
דער בלויאינקער באַגינען,
די פייגעלעך און פלאַטערלעך
מיט שמחה גרייט איר דינען.

דאָס ווינטל לויפט און שמייעט אום
אַלעמען אָנצוזאָגן,
פון בוים צום בוים, פון בלום צו בלום,
דאָס שענסטע קלייד צו טראָגן.

די זון די ערשטע באַפט אַ קוק
אין שפּאַרע פון אַ לאָדן.
דאָס טייכל שרייט, פאַר מיילן ווייט:
— העי, מיידל, קום זיך באָדן!

און איידעלע, שיין מיידעלע,
זי פרייט זיך און זי קוועלט,
און ווי אַ גרויסע קעניגן
זי שאַפט זיך און באַפעלט.

עכאָ

ערגעץ אויף אַ בארג אַ הויכן,
אָדער אין אַ טאָל,
ליגט אַ שטיפערל באהאַלטן,
קרימט מיר נאָך מיין קול.

אַ־הו — שריי איך — האַ־האַ־האַ !
שרייט ער אויך האַ־האַ !
הויב איך פריילעך אָן צו לאַכן,
לאַכט ער : כאַ־כאַ־כאַ !

און די בערג און פעלדערברייטע
העלפן אים נאָך צו;
קלינגען פריילעך מיט מיין שטימע,
אין דער ווייט —— אַ־הו־הו !

אָט דער שטיפערל דער קליינער
ליגט באַהאַלטן דאָרט
און ער קרימט מיר נאָך כסדר,
יעדן קלאַנג און וואָרט.

עכאָ, זאָגט מען, איז זיין נאָמען.
כ׳וואָלט אים וועלן זען.
עכאָ, עכאָ, ווערסט זיך ווייזן ?
עכאָ, זאָג מיר ווען !

שבת

שבת איז מיין טאָג פון רו.
ליג איך מיר אין בעט,
איך האָב ליב זיך וואַלגערן
גלאַט אַזוי ביז שפּעט.

מאַמע שרייט און מוסר'ט מיך:
„עס איז דאָך אַ גרויל!
אַזאַ מויד, ביז האַלבן טאָג,
גאַט מיינער, ווי פויל!"

הער איך צו און קלער באַ זיך:
„טאַקע ניט קיין לייט".
נאָר איך מאַך די אויגן צו,
כ'פלי שוין ערגעץ ווייט.

ערגעץ הער איך פייפט אַ באַן,
ס'טרובעט וואו אַ שיף.
פיל איך אונטער מיר דעם ים
ברייט און ווייט און טיף.

און די הימלען איבער מיר
שמייכלען קינדעריש בלוי,
פאָר איך ערגעץ זייער ווייט,
פאָר איך גלאַט אַזוי.

קאַראַוואַנען, סטעפּעס, בערג
ציען זיך פאַרביי,
שפּיצן טורעמס, פרעמדע שטעט,
נאָענט, ליב און ניי.

פּלוצים, מאַמע רעדט צו מיר,
איך פאַרשטיי קיין וואָרט,
גלאָץ די אויגן אויס און קוק,
ריר זיך ניט פון אָרט...

גולם קליינער, נאַרעלע,
רופט מען מיך דערפאַר,
נאָר איך שמייכל און איך שווייג,
טאַקע ווי אַ נאַר...

מיין ליאַלקעלע בערטע

מיין ליאַלקעלע בערטע
איז זייער אַ שלעכטע :
זי פּאָלגט ניט קיין זאַך
און גיט ניט קיין לאַך.

זי פּאָלגט ניט אַ מאַמען,
זי לאָזט זיך ניט קאַמען,
זי ליגט אַ פאַרטראַכטע
אין בעט אַ פאַרשמאַכטע.

אַ מויד אַ יאָר אַלט —
און קען נאָך ניט שטיין.
איך שטעל זי — זי פאַלט
און קען נאָך ניט גיין.

זי זעט אויס צעקראָכן,
זי האָט ניט קיין ציין,
דאָס נעזל צעבראָכן —
נאָר זיס און מיט חן.

און קלוג איז זי קלוג —
אַזוי ווי דער טאָג :
מאַ-מאַ-מאַ-מאַ
ווי זיס און ווי שיין זי גיט עס אַ זאָג !

חרטה

אָפּט, גאָר אָפּט, בין איך אַ שלעכטע,
כאָטש איך וויל זיין גוט,
נאָר איך קען זיך גאָר ניט העלפן,
ס'איז שוין אין מיין בלוט.

אָפּט באַלײדיק איך אַ שוואַכן,
ווער אין כעס אויף פריינט,
ווייס איך, אַז איך בין אַ שלעכטע,
און איך האָב זיך פיינט.

האָב איך מיך געוואָלט באַשטראָפן
מיט מיין אייגן האַנט,
און איך בין פון זיך אַנטלאָפן
אין חרטה־לאַנד.

און צוריק בין איך געקומען —
ניטאָ די שלעכטע מער:
ס'זיצט אַ מיידעלע געבויגן,
און אין אויג אַ טרער.

כ'האָב דערפאַר אויף איר רחמנות,
און מאַך שלום גיך.
איך וועל תמיד זיין אַ גוטע —
טראַכט איך דאַן ביי זיך.

רעגן

רעגן, רעגן, וואַש מיך אויס
וועל איך וואַקסן
הויך און גרויס.

קום, קום, רעגן, קום.
וואַש מיך, ווי דו
וואַשסט אַ בלום.

גיס, גיס, רעגן, גיס,
פּאַטש אין פּנים,
אין די פיס.

פּאַטש, פּאַטש, נעץ מיך איין,
שטאַרקער, שטאַרקער,
איי, ס'איז פיין !

זון, זון, גיב אַ שיין,
פלעכט זיך אין די
צווייגן איין.

זון, זון, פלעכט זיך איין,
אין מיין בלאָנדן
צאָפּ אַריין.

פריידל

פריידל איז אַ וואוילע מיידל,
שיין איז זי ווי גאָלד.
איין חסרון האָט זי, פריידל,
זוכן האָט זי האָלט.

שטענדיק זוכט זי, — אַזאַ טבע —
זוכט אי טאָג אי נאַכט.
גייט אַרום אויף פרעמדע וועלטן,
חלומט אַלץ און טראַכט.

יעדן מאָרגן זוכט זי עפּעס:
— מאַמע, וואו מיין בוך?
אָט־אָ שפּרינגט זי אויף איין פיסל,
זוכט איר צווייטן שוך.

אַלע קינדער זיינען פּאַרטיק.
ס׳קלינגט אין שול דער גלאָק.
— פריידל, פריידל, וואו איז פריידל?
פריידל זוכט איר זאָק.

ווי אַמאָל

אַ מאָל בין איך אַ וואַסער קוואַל —
וואָס פליסט זיך שטיל פאַטראַכט.
אַמאָל בין איך אַ זונען שטראַל —
וואָס שטיפט אַרום און לאַכט.

אַמאָל בין איך אַ קעצעלע,
אי ווייך, אי צאַרט, אי מילד.
אַמאָל בין איך אַ טיגערל,
אי שטורמדיק, אי ווילד.

עס ווענדט זיך ווי, עס ווענדט זיך ווען,
עס ווענדט זיך אָן געמיט —
נאָר זיין אַ לייט מיט לייטן גלייך,
אָט דאָס נאָר קען איך ניט!

קלאַנגען

מ׳דאַרף נאָר קענען הערן,
הערט מען אַלעסדינג,
הערט מען בלויע קלאַנגען,
קלינג... קלאַנג... קלינג:..

הערט מען אין די שטיינער
מעשׂות פון אַמאָל,
הערט מען אינם שווייגן
אויך אַ ווידער קויל.

הערט מען טויבן וואָרקען,
טויבן אויפן דאַך;
הערט מען פליגל פלאַטער,
הערט מען בלומען שפּראַך.

הערט מען תבואה וואַקסן,
הערט מען קאָסעם שניט.
הערט מען שטערן זינגען,
אויך לבנה׳ס טריט.

מ׳דאַרף נאָר קענען הערען,
הערן אַלעסדינג,
הערט מען בלויע קלאַנגען :
קלינג... קלאַנג... קלינג:..

מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן

מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן,
איך האָב ניט געוויינט.
זי וועט באַלד צוריק קומען —
האָב איך דאָן געמיינט.

און זי וועט מיר אָנברייגען
צאַצקעלעך אַ סך,
ווייל זי האָט מיר צוגעזאָגט
גאָר אַ גוטע זאַך.

נעכטן איז געווען מארגן,
איצט איז ווידער נאַכט.
וואו איז איצטער מאַמעלע,
ליג איך אַלץ און טראַכט.

היינט איז איבערמאָרגן שוין,
זי איז אַלץ ניטאָ.
קוק איך אויפן זייגערל,
צייל איך יעדע שעה.

קוק איך זיך אין פענצטער איין
און איך לויף צום טיר,
— מאַמעלע, ווי אומעטיק
עס איז מיר אָן דיר!...



שנייעלעך

טאַנצענדיקע שנייעלעך
פאַלן פון דער הויך,
לייגן זיך און שפּרייטן זיך,
ווי אַ סאַמעט ווייך.

יאָגן זיך די קינדערלעך,
קייקלען זיך אין שניי.
און אַ ווייסער הינטעלע
יאָגט זיך נאָך זיי.

פרייט זיך אויך דער הינטעלע,
בילט ער האַוו-האַוו-האַו,
וויל ער זיי ארומנעמען,
שפּרינגט ער אויפן האַלז.

שרעקן זיך די קינדערלעך,
לויפן מיט געשריי,
בלייבט אַליין דאָס הינטעלע,
בילט ער אויפן שניי.

פאַרבן

כ׳האָב געמוזט אַמאָל, אַמאָל
אין די הימלען שוועבן,
איידער איך האָב אָנגעפאַנגען
אַף דער ערד צו לעבן.

ווײַלע איך דערמאָן זיך איצט
וואונדערלעכע זאַכן :
פאַרבן, קלאַנגען אַלערליי
און באַקאַנטע שפּראַכן.

חבר׳טעם בין איך געווען
דאָרטן מיט די שטערן,
און לבנה פלעגט זיך אויך
שפּילן מיט מיר גערן.

איצט דערקענט זי מיך אַ מאָל,
גריסט זי מיך פון אויבן,
און מיט פינגער צערטלעכע
גלעט זי מיינע שויבן.

אָפטמאָל רופט זי מיך ארויס
גיין מיט איר שפּאַצירן,
און פון הימל עפנט זי
טויערן און טירן.

שוועב איך אין אַ ים פון ליכט,
וואו עס בלענדט די אויגן,
מיש איך זיך אין פאַרבן שפּיל
ווי אַ רעגן בויגן.

זילבער בלוי, און געל און רויט,
וואונדערלעכע פאַרבן
ליגן דאָרטן אויסגעשפּרייט
ווי אין פעלד די גאַרבן.

נאָכדעם זאָגט זי : קינדעלע,
שוין גענוג שפּאַצירן,
גיי אַהיים און שלאָף געזונט,
ווילסט, וועל איך דיר פירן.

און זי פירט מיך ביז׳ן שטוב,
שמייכלט מיר פון אויבן.
ביז איך מאַך די אויגן צו
קוקט זי אין די שויבן.

מאַמעס שוים

וועז חברטעס צערייצן מיך,
און איך ווער ווילד פאַר כעס,
עס ווילט זיך זייער וויינען מיר
און ס׳ווערט מיר ענג די גאַס,

דאַן גיי איך גלייך אין שטוב אריין
און לויף אין מאַמעס שוים,
זי קוקט מיר אין געזיכט אַריין —
מיין כעס גייט תכף אוים.

צי גלעט זי מיך ? צי קושט זי מיך ?
איך וויים ניט וואָס זי טוט,
נאָר איך פאַרגעס, וואָס איז געוועז,
און ס׳ווערט מיר מאָדנע גוט.

דער ווינט

פון ערגעץ א פאַרצווייפלטער
געיאָגט האָט זיך דער ווינט.
געלאַכט ווי אַ משוגענער,
געוויינט אַזוי ווי אַ קינד.

מיין פענצטער האָט ער אויפגעפּראַלט,
צעעפענט ברייט מיין טיר
און אַ איבערקערעניש
געמאַכט האָט ער ביי מיר.

געשליידערט אַלע פאַרהענגלעך
און בילדער פון דער וואַנט;
געריסן האָט ער בלעטערווייז
דאָס בוך ביי מיר פון האַנט.

איך בין ווי אַ צעטומלטע
געבליבן פון מיין גאַסט,
און ער האָט אַלץ אַרומגעיאָגט,
געשמיסן און געכעסט.

נאָר ווי מיין מאַמע האָט פאַרמאַכט
די פענצטער און די טיר,
דער ווינט ליגט אַ צעשראָקענער
און גיט זיך ניט קיין ריר.

און שטילערהייט, איך ווייס ניט ווי,
פאַרשוואונדן איז ער באַלד,
מסתמא אין די פעלדער וואו,
און אפשר גאָר אין וואַלד.

טייבעלעך

טייבעלעך בלויאינקע,
זילבערנע גרויענקע,
טייבעלעך ווייסער פון שניי.

טאַנצנדיק פליענדיק.
וואָרקענדיק שפּילנדיק,
שניידן די לופט אין געדריי.

הערט שוין אויף פּיינען זיך,
וואָרקען און חנען זיך,
טייבעלעך, קומט רוט זיך אויס !

פלאַטערט מיט אייערע
פליגעלעך, טייערע,
טוליעט זיך איין אין מיין שויס.

איך וויל זיין אַ לערערן

איך וויל זיין אַ לערערן,
ניט קיין אַנדער זאַך,
ווייל איך האָבן קינדערלעך
קלייניניקע אַ סך.

אין קאָלירטע קליידעלעך —
פאַרבן אַלערליי,
ווי אַ גאָרטן בלימעלעך
וועל איך היטן זיי.

ווי די זומער פייגעלעך
פלאַטערן אַרום,
וועל איך מיט די קינדערלעך
אומגיין אומעטום.

יעדער וועט זיך אָפּשטעלן,
נאָכקוקן פאַרטראַכט,
שמייכלען און באַוואונדערן:
אַך, ווי שיין, אַ פּראַכט!



וואָלקנס

האָסטו ווען געזען ווי וואָלקנס
טאַנצן אוים אַ שיינע מעשה ?
זעסטו דאָרט אַ ווילדע חיה
צוקט אַ לעמעלע אַ ווייסע ?

און פּאַמעלעך, גאָר פּאַמעלעך
שווינדן ערגעץביידע.
זייער אָרט פאַרנעמען תיכף
באָבעלע און זיידע.

זיידע איז אַ ברייטער, הויכער,
מיט אַ באָרד אַ ווייסע, שיינע.
באָבעלע איז גאָר אַ ברעקל,
יאָגט אים נאָך מיט טריטלעך קליינע.

און זיי ציען צו אַן אַלטן
שלאָס מיט טויזנט פענצטער,
וואו עס טאַנצן און עס הוליען
שדים און געשפּענסטער.

דאָרטן ווייט, ביים ברעג אין מערב,
בלאָנדזשען קינדער קליינע.
וויינען, ביינקען נאָך אַ מאַמע,
און אַ ליד אַ שיינע.

איצטער קומט אַ שיף אַ גרויסע
מיט אַ הויכן קוימען,
פירט זי אַלעמען צוזאַמען
אין די ליבע היימען.

און די שיף זי טונקט זיך, וויגט זיך,
אין די כוואַליעס זילבער ווייסע,
און די וואָלקענדלעך ווי פייעס
טאַנצן אוים אַ נייע מעשה.



ג ע נ ז

שווימען גענזעלעך אין טייך,
גאַ־גאַ־גאַ.
ווי סאָלדאַטן אַלע גלייך,
גאַ־גאַ־גאַ.

וואַרפט די זון אין טייך איר גאָלד,
גאָלד־גאָלד, גאָלד,
ווייל זי האָט די טייכן האָלט,
האָלט־האָלט־האָלט.

הימל מאַכט די טייכן בלוי,
בלוי־בלוי־בלוי.
שפילט דער טייך מיט גאָלד און בלוי
אַט אזוי.

קינדער וואַרפֿן ברויט אין טייך,
האַם־האַם־האַם.
כאַפּן עס די גענזלעך גלייך,
האַם־האַם־האַם.

לאַכן קינדערלעך פֿאַרשייט,
כאַ־כאַ־כאַ.
קלינגט דער עכאָ ערגעץ ווייט,
כאַ־כאַ־כאַ.

שווימען גענזעלעך אין טייך,
גאַ־גאַ־גאַ.
פּילדערן און פּליעסקען זיי,
גאַ־גאַ־גאַ.

איבער טייך און איבער וואַלד,
כאַ־כאַ־כאַ.
אַ געפּילדער, אַ געוואַלד,
גאַ־גאַ־גאַ.

פרילינג איז אַ ליבער

פרילינג איז אַ ליבער,
שמייכלט ווי אַ קינד,
קומט צו רייטן פריילעך
אַפן דרום ווינט.

ווי אַ קינד אַ שטיפער
שפרינגט אַהער, אַהין.
אַלעמען באַקליידט ער
אין אַ סאַמעט גרין.

און ווי דורך אַ כישוף,
ווערט דער הימל בלוי,
קושט זיך מיטן פרילינג,
שמייכלט אויך אַזוי.

און די הויכע ביימער
שושקען זיך אין וואַלד,
הערן עס די פויגלען
און זיי קומען באַלד.

קלייבן זיי, און פּיקן
פעדערלעך און שטרוי,
און זיי פלעכטן נעסטן,
און זיי טרינקען טוי.

פרילינג איז אַ ליבער,
שמייכלט ווי אַ קינד,
קומט צו רייטן פריילעך
אַפן דרום ווינט.

ביזט קלוג און ביזט שיין

ביזט קלוג און ביזט שיין, ביזט ריין ווי אַ גאָלד,
דו וואַשסט מיטן צינגל דיין פעל...
נאָר שמעקסטו, צי הערסטו אין ערגעץ אַ מויז,
דאַן מאַכסטו פון אַלעם אַ תל.

די אייגעלעך גיבן אַ צונד און אַ ברען,
די נעגעלעך שטעקסטו ארויס,
און גיסט זיך אַ ריס, אַ יאָג און אַ שפרונג,
און יאָגסט נאָך אַ מיאוסע מויז.

כ׳וועל מעלקן פאַר דיר די רויטינקע קו,
און מאַכן אַ ווייסינקן קעזל,
כ׳וועל אָנטאָן אַ ראָזעוון שלייף אויף דיין האַלז,
זאָל פאַסטן דיין ראָזעוון נעזל.

כ׳וועל קאָכן פאַר דיר אין פוטער און מילך,
טייערע גוטינקע שפייז,
נאָר, קעצעלע מיינע, טו מיר צוליב :
פאַרלאָז דיינע מיאוסע מייז.

שטעלט זי די שיינינקע אויערלעך אָן
און הערט זיך גוט איין וואָס איך זאָג,
דאָס קעפל אַ נויג, מיטן עקל אַ בויג —
נאָר פאָלגן — אַ נעכטיקער טאָג !

שעפּעלעך צוויי

מולינקעס ווייסינקע, זויבערדיק קלאָר,
יאָגן זיך, טראָגן זיך וואָלקנס אַ פּאָר.
שעפּעלעך שנייאיקע ווערן פון זיי,
שעפּעלעך ליכטיקע, שעפּעלעך צוויי.

הינטער די שעפּעלעך, האַמעטנע שווער,
רוקט זיך אַ פינצטערער וואָלקן — אַ בער.
רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער צו זיי,
ביז ער דערלאַנגט שוין די שעפּעלעך צוויי.

צאַפּלען זיך שעפּעלעך, זויבערדיק קלאָר,
אין פינצטערע בערישע לאַפּעס אַ פּאָר.
צוקט ער פּאַמעלעך, פון קאָפּ ביז'ן עק,
ביז עס פאַרבלייבט נאָר אַ ראָזעווער פלעק.

אַ בוים

שטייט אַ בוים, אַן אַלטער בוים,
יאָמערט באַ מיין שויב,
מיט די צווייגן טרוקענע,
גרויע, פול מיט שטויב.

אַלעביימער פרילינג האָט
אויסגעפּוצט אין גרין;
אונזער בוים געבליבן נאָר
חושכדיק און דין.

שפּרייט צום הימל אויס דער בוים
זיינע דאַרע הענט;
„פרילינג, פרילינג! וואָס האָסטו
מיך אַזוי פאַרשעמט?"

שטייט אַ מיידעלע

שטייט אַ מיידעלע ביים ים,
קליין און וואונדער שיין;
אויגן האָט זי בלויער נאָך
פון דעם ים אַליין.

און דער ים ווערט רואיק, שטיל,
שמייכלט ברייט און ווייט;
און זיין שמייכל רונצלט זיך,
ווי בא אַלטע לייט.

„קום אהער, דו קליינינקע,
דו ביזט צאַרט און זיס;
קום, איך וועל דיר אויסקושן
דיינע הענט און פיס.

וואונדערס שיינע אַלערליי
איז פאַראַן אַ סך;
ליבער פון דיר, קינדעלע,
איז ניטאָ קיין זאַך.

מורמלט שטיל אזוי דער ים
אַף זיין ימען שפּראַך :
„ליבער פון דיר, קינדעלע,
איז ניטאָ קיין זאַך".

און די קליינע הערט זיך איין,
זי פאַרשטייט מסתם,
ווייל מיט הויפנס געלן זאַמד
קאָרמעט זי דעם ים.

און דער ים איז רואיק היינט,
מורמלט שטיל און רעדט,
פונקט אזוי ווי באָבעלע
שעפּטשעט אין געבעט.

מיין באָבעלע

מיין באָבעלע, אַ קליינינקע, אַ גרויע
און מעשות האָט זי שיינע אָן אַ שיעור,
און אויגן האָט זי קינדערישע, בלויע
קינדערשע און בלויע, ווי ביי מיר.

זי זאָגט: אַז איכל אויכעט זיין אַ באָבע,
אַ באָבעלע אָן אַלטיטשקע, ווי זי,
און טשאַמקען מיט דער גאָמבעלע אָן ציינער,
און טרייסלען מיט'ן קאָפּ אַזוי ווי זי.

כ'וועל ליב האָבן דערציילן לאַנגע מעשות
פאַרגעסען אין דער מיט אַוואו איך האַלט.
און קלאָגן זיך אַף רעגנדיקן וועטער
און, זיצנדיק אין זון, אַז „מיר איז קאַלט".

ס'איז קאַמיש—זעלכע הענטעלעך ווי מיינע,
מיין גאָמבעלע מיט פּערלדיקע ציין
זאָל ווערן ווי אָן עפּל אַ געבאַקטע;
איך וויל ניט זיין אַ באָבעלע, ניין, ניין.

II

אַ אינגעלע

אַ אינגעלע

אַמאָל איז געווען אַ אינגעלע
מיט בלויע פאַר׳חלמ׳טע אויגן.
ס׳האָט שטענדיק דעם קליינינקן אינגעלע
צום הימל און שטערן געצויגן.

געוואָלט האָט דאָס קליינינקע אינגעלע
נאָר כאַפּן אַ הויפן מיט שטערן,
און וואַרפן צו אָרימע קינדערלעך,
אום זייער געלעכטער צו הערן.

נאָר קליין איז געווען דאָס אינגעלע
די שטערן אַליין צו דערלאַנגען, —
האָט ער פון די שטראַלן די זילבערנע
געפלאָכטן אַ נעץ זיי צו פאַנגען.

איצט בלאָנדזשעט אַרומעט דאָס אינגעלע,
אַליין אין די שטראַלן געפאַנגען;
ווייט, ווייט פון דער ערד איז דאָס אינגעלע,
צום הימל קען ער ניט דערלאַנגען...

שמעון

כ׳האָב אַ חבר, הייסט ער שמעון,
האָט ער ליב זיך צו באַרימען.
כאָטש ער ווייסט עס איז אַ ליגן,
האָט ער פון דעם פאַרגעניגן.

אָט האָט ער אַ בער דערשאָסן,
נאָכדעם האָט עס אים פאַרדראָסן,
גיט ער אים אַ שנעל אין שטערן,
פליט ער גלייך צו זיינע בערן.

אויפן ים אַ רייזע מאַכן —
איז בא אים פון קליינע זאַכן :
אין אַ מולטער פון זיין מאַמען
שווימט ער איבער אַלע ים׳ען.

מיט יונים און גזלנים
איז ער — גאַנצע מחותנים.
און כינעזיש קען ער שרייבן,
עראָפּלאַנען קען ער טרייבן.

ס׳ניט געשטויגן, ניט געפלויגן —
זאָגן עדות זיינע אויגן...
אָט אַזאַ איז חבר שמעון,
וואָס האָט ליב זיך צו באַרימען.

אַ גוט קינד

אַ גוט קינד איז שטיל און שאַ,
עס שרייט ניט פֿאַ, און שרייט ניט מאַ.
עס היט דאָס קלייד און האַלט זיך ריין,
עס זאָגט ניט יאָ און זאָגט ניט ניין.

עס שמייכלט שטענדיק צוקער זיס,
ווען ס'ווילט זיך טופּען מיט די פֿיס.
ער הערט זיך איין און רעדט ניט פֿיל,
מיט דרך־ארץ זיצט עס שטיל.

נאָר איך בין ביטערער פֿון גאַל,
איך טו אַן שאָדן איבעראַל.
געדענק ניט, וואָס מען זאָגט מיר אָן,
און פֿאָלג ניט, וואָס מען הייסט מיר טאָן.

איך קען ניט ליידן שטילערהייד,
איך שריי פֿאַר ווייטאָג און פֿאַר פֿרייד.
איך בין פֿאַרשמירט, איך בין צעהיצט,
אַ גלגול — זאָגט מען —— אין מיר זיצט.

עס קאָכט, עס זידט אין מיר מיין בלוט,
איך קען ניט רוען איין מינוט.
איך בין אַ שד, איך בין אַ ווינט,
מען זאָגט, איך בין אַ שלעכטעס קינד.

אַזאַ שיינער טאָג

אַזאַ שיינער טאָג אַ ליבער,
און דער הימל שמייכלט, שיינט;
קומט זשע, קינדער, אין די פעלדער,
לאָמיר יום־טוב מאַכן היינט!

לאָמיר פריילעך טאַנצן, שפּרינגען,
לאָזן לויפן זיך גאַלאָפּ —
ווי אַף פליגלען, ווי אַף ווינטן,
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

און די טייכעלעך די בלויע
רופן, מאַניען, ריידן איין:
— וואַרפט אַראָפּ פון זיך די זאַכן!
העי, קונדסים, שפּרינגט אַריין!

אַ טייכל

לויפט אַ טייכל ביי מיין פענצטער —
זינגט זי און זי לאַכט.
זינגט זי לידעלעך די שענסטע,
זינגט זי טאָג און נאַכט.

אין די טעג דערהערט איר קיינער:
קיינער האָט קיין צייט,
לויפט זי דורך די געלע שטיינער,
טראָגט זיך ערגעץ ווייט.

נאָר בײַנאַכט איז גוט צו הערן,
אַלעם האַלט דעם אָטעם איין,
ס'טונקען זיך אין איר די שטערן,
און דער וואַלד ער הערט זיך איין.

זינגט די טייכעלע און מורמלט,
מעשה'לעך זי ווייס אַ סך,
ווײַלע שלאָפן, שלאָפט זי קיינמאָל,
אייביג, אייביג איז זי וואַך...

צו אַ שמעטערלינג

אָ, פלאַטער ניט, מיין פלאַטערל,
זע, שטיי נאָר רואיק, שטיי.
כ'וועל אויסרייסן דיין פיסעלע,
זען צי טוט דיר וויי.

אָ, פלאַטער ניט, מיין פלאַטערל,
זע, שטיי נאָר רואיק, שטיי.
כ'וועל אָפּרייסן דיין פליגעלע,
זען צי טוט דיר וויי.

ווי שיין, ווי צאַרט דיין פליגעלע
מיט גאָלד און ווייסן פּוך!
איך וועל דיר גאָר ניט שעדיקן
נאָר איינפּרעסן אין בוך



אַ פאַרם

אַפּן פֿאַרם

עפּן איך די אויגעלעך,
איז נאָך זייער פרי;
ס'וועקען מיר די פייגעלעך,
סוויטשי־וויטשי־ווי.

ערגעץ קלינגען גלעקעלעך,
קלינג־קלאַנג־קלאַנג;
איבער פעלד און איבער וואַלד
פאַסטוכער געזאַנג.

קינדער טומלען, פרייען זיך
באַלד פון אין דער פרי,
און די הענער קרייען זיך:
קו־קע־דידל־די!

אויך דאָס געלע הענדעלע
שטעלט זיך אויבן־אָן;
מאָגער ווי אַ שפּענדעלע,
נאָר עס בלאָזט זיך אָן —
קו־קו־דידל־די!!!

איך וואָלט זיין דער ווינטער

איך וואָלט זיין דער ווינטער,
וואָלט איך זיין אַ גוטער.
איך וואָלט יעדן קינדעלע
מיטברענגען אַ פוטער.

און אין יעדן פוטער
קעשענעס וואָלט מאַכן.
און אין יעדער קעשענע —
זיסע גוטע זאַכן.

איך זאָל זיין דער ווינטער,
וואָלט איך ניט געשוויגן,
ביז אַ יעדעס קינדעלע
וואָלט אַ שליטן קריגן.

און אַ יעדער שליטן
וואָלט אַליין געפלויגן,
באַרג־אַרויף און באַרג אַראָפּ,
ווי אַ פייל פון בויגן.

איך זאָל זיין דער ווינטער,
וואָלט איך ווי די שנייען
מיט אַ יעדן קינדעלע
טאַנצן און זיך פרייען.

איך טויג צו גאָרנישט

איך זאָל בויען בריקן,
זיין אַן אינזשיניר?
וועל איך דאַרפן האָרעווען.
דאָס איז ניט פאַר מיר.

איך זאָל זיין אַ לערער?
דאַרף איך לערנען פיל.
בין איך ניט קיין בעלן.
ס׳ציט מיר גאָר צום שפּיל.

איך האָב ליב צו פייפן,
פייף איך מיר אַ ליד.
אוי, איך בין אַ גאָרנישט,
טויג צו גאָרנישט ניט.

פורים

פורים, פורים, שלח־מנות,
קאַלעקאַטקעס און מתנות —
איי, וואָס ס׳וועט זיך טאָן!...

גוטע זאַכן וועט מען נאַשן,
מען וועט באַקן המן טאַשן —
אָנגעפּילט מיט מאָן!

ס׳איז אַ שאָד נאָר בנאמנות,
וואָס איין טאָג איז שלח־מנות,
ס׳האָט געדאַרפט זיין נאָך.

נויטיק וואָלט מען דאַרפן מאַכן
פורים און די גוטע זאַכן
כאָטש אַ יעדע וואָך.

דוד איז אַ נאַר

דוד איז אַ שוטה,
דוד איז אַ נאַר.
איז ער גרין און געל,
איז ער דאַר און קוואַר.

גרינסן האָט ער פיינט
בולקע ניט אַ בים,
און די מילך — אַ גוואַלד —
טופעט מיט די פים.

פון דעם בעסטן מאכל
נאָר אַ לעק, אַ שמעק,
און פאַרקרימט זיין נעזל
גייט פון טיש אַוועק.

דוד איז אַ שוטה,
דוד איז אַ נאַר,
איז ער גרין און געל,
איז ער דאַר און קוואַר.

שדים

מאַמע, זאָג: איז טאַקע דאָ
אויף אַן אמת שדים?
זיינען זיי אין הימל דאָ,
אָדער אויפן בוידים?

לאַכט די מאַמע, קושט מיך שטאַרק
און זי זאָגט: אַז — ניין.
אויב עס איז נאָך דאָ אַ שד,
בין איך דאָס אַליין.

טאָמער פרעג איך נאָך עפּעס,
בין איך שוין אַ קלעק.
כאַפּ איך אָן דאָס קעצעלע,
שלעפּ עס פאַרן עק.

איבער טיש און איבער בענק
יאָג איך זיך גאַלאָפּ. —
איך קער איבער אַלץ אין שטוב
מיטן קאָפּ אַראָפּ.

טרובע ווי אַ פייערמאַן,
מעקע ווי אַ קו.
נאָכדעם קריי איך ווי אַ האָן
קו־קע־רי־קו־קו!

צוויי אינגלעך

לייבעלען איז גאָר ניט פרייליך,
כאָטש עס פעלט אים ניט קיין זאַך,
שטענדיק טראָגט ער שיכלעך נייע,
שטענדיק האָט ער טאָרט אַ סך.

נאָר מען קוקט אים אין די אויגן,
רק מען פרעגט אים, וואָס אים פעלט,
צאַצקעס ברענגט מען אים די בעסטע
און די שענסטע אויף דער וועלט.

נאָר ער ליגט עס קאַלט אַנידער,
ניט עס רעגט אים, ניט עס פרייט.
ווײַלע אַלץ, וואָס ער פאַרטראַכט נאָר,
ליגט שוין פאַר אים אָנגעגרייט.

יאָסעלע איז אָפּגעריסן,
עסן האָט ער ניט צו זאַט,
נייע שיכלעך, נאַשערייען
האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט.

נאָר די אויגן זײַנען שײַנען,
פול איז ער מיט פרייד, מיט גליק,
ווײַל פון ברעטלעך און פון שפּענדלעך
האָט ער איצט געמאַכט אַ בריק.

ער קען בויען שיפן, באַנען.
פּלענער האָט ער אָן אַ שיעור,
יעדער אַלטער טשוועקל, שפּענדל
מאַכט אים פאַר אַ גרויסן גביר.

נאָר ער איז פאַרטאָן, פאַרהאָוועט,
רק ער בויט און רק ער טוט,
און דערפאַר איז אים מסתמא
שטענדיק פריילעך, שטענדיק גוט.

דער פױלער

אָן אײנפּאַל פון אַ פױלען, האָסט געהערט —
אַ גאַנצן טאָג צו פּטרן באַשערט.
איך כאַפּ זיך אויף, איך ליג אַזוי און טראַכט:
עס מוז שוין זײן אודאי זײגער אַכט...

— וואָס אײלסט זיך אַזוי פרי? דו האָסט נאָך צײט,
די שול איז דאָך פון דאַנען גאָר ניט װײט. —
איך װאונדער זיך — װער קען עס זײן, װאָס רעדט?
איך גיב אַ קוק — אַ אינגעל אויף מײן בעט.

אַ מאָדנע זאַך: ער קוקט אױס פּונקט װי איך,
און טראָגט אויך מײנע זאַכן, מײנע שיך,
די בעקלעך אַזױ קײלעכדיק און פײן,
די אויגן און דאָס נעזל פּונקט װי מײן.

— װער ביזטו און װי רופט מען דיך? זאָג אױס,
און װי ביזטו געקומען אין מײן הױז? —
ער שמײכלט און ער קוקט אַזוי אַף מיר,
ער גענעצט און ער גיט זיך ניט קײן ריר.

„מען רופט מיך, זאָגט ער, פױלער, אומעטום,
איך װײס ניט און געדענק ניט װי איך קום,
נאָר זײ אַ גוטער, ליג נאָך אַ פּאָר שעה,
און מיך לאָז גאָר אין גאַנצן בלײבן דאָ.

עס איז דאָ אַזוי װאַרים, אַזוי װאויל
און איך בין אַזוי פױל, אַזוי פױל“...
אַזױ־אַ האָט דער אינגל אַלץ גערעדט...
געהאַלטן מיך אַ האַלבן טאָג אין בעט.

נאָר מאָרגן, אַז ער'ט װעלן שלאָפן שפּעט,
װעל איך אים דאַן ארױסװאַרפן פון בעט.
איך דאַרף ניט... אַזאַ פױלער, װי אַ בער...
איך קען נאָך װערן פױל אַזױ װי ער.

אַרויסגעוואָרפענע

— פאַרוואָס האָט מען אַרויסגעוואָרפט
די זאַכן אויף דער גאַס ?
עס גייט אַ רעגן, מאַמע, זע,
מיר ווערןביידע נאַס. —

די מאַמע ענטפערט ניט אַ וואָרט,
זי בויגט איר קאָפּ נאָך מער,
און אויף דעם אינגלס קעפּעלע
פאַלט אַ הייסע טרער.

דער מאַמעס טרערן שרעקן אים,
דאָס קינד ווערט רויט און בלאַס:
צום ערשטן מאָל זיין הערצעלע
ווערט אָנגעפילט מיט האַס.

צו וועמען, וואָס, און ווי אַזוי,
דאָס ווייס ער נאָך ניט קלאָר.
נאָר וואַקסן וועט דער האַס מיט אים
אַלץ שטאַרקער — יאָר נאָך יאָר.

ער וועט אַמאָל זיך רעכענען
פאַר יעדער איינער טרער,
פאַר אַלע מאַמעס אָרימע,
פאַר לעבנס וויסט און שווער.

ווינטן

ווינטן זיינען אָנגעקומען
ערגעץ פון דער וועלט,
און געבראַכט אונז אַ מתנה —
ווינטערדיקע קעלט.

הוליען ווינטן אויף די דעכער
רייסן זיך פאַרויס,
דורך די שפּאַלטן און די לעכער
רייסן זיך אין הויז.

אין די אָרימינקע הייזער
קינדער זענען בלאַס,
און עס הוליען דאָרט די ווינטן
מערער ווי אין גאַס.

און די אָרימינקע הייזער
בושעוועט די נויט,
און די קליינע קינדער וויינען :
— מאַמע, מאַמע, ברויט !

אין די אָרימינקע הייזער
הונגער ליגט צעשפּרייט,
און די ווינטן מיטן דלות
שפּילן אויפן פליוט.

מיין סאָד

אַלע בוימער אין מיין סאָד
האָבן זיך צעבליט;
אױף די קינדער־קעפּעלעך
רעגנט װײַסער צװיט.

װײַסע געלע פּלאַטערלעך
זײַנען אָנגעקומען,
קושן זיך די פּלאַטערלעך
מיט די רויטע בלומען.

קושן זיך די פֿױגעלעך
אין די גרינע צװײַגן;
שושקען זיך די בלעטעלעך,
גאָר די בוימער שװײַגן.



אַ שטורם

אין אַ שטילן שטומען פּחד
רוקן זיך צענויף די בערג;
און צוזאַמען אַלע ביימער
נידערן די קעפּ צו דר׳ערד.

שװאַרץ און פֿינצטער איז דער הימל
און די לופֿט איז פֿול מיט שרעק;
װער עס האָט נאָר װאו אַ װינקל,
איז אין אײַלעניש אַװעק.

נאָר אַ פֿייגעלע אַ פּיצל
פֿליט אַהער און פֿליט אַהין;
האָט פֿאַר שרעק איר נעסט פֿאַרלאָרן,
פֿליען װײַס זי ניט װאוהין.

טאַטע־מאַמע

מיין טאַטע איז שטענדיק אַ בייזער
מיין מאַמע, זי שלאָגט און זי שרייט :
איך בין ניט געראָטן, בין נאַריש,
אין קורצן, איך בין ניט קיין לייט.

באַם טיש האָב איך נעכטן געדרעמלט
געמאַכט זיך איך שלאָף, אויף שפּאַס.
די מאַמע ט׳גענומען מיך אויסטאָן,
גערעדט צום דעם טאַטן אָן כעס :

„אַ טייערעס קינד, נאָר אַ שטיפער,
אַ קלוגער, און גוט — אָן אַ שיר.
איך האָב אים אומזיסט היינט געשלאָגן;
ס׳זאָל ,קינדעלע, מיר זיין פאַר דיר“.

דער טאַטע ט׳מיר צערטלעך געטראָגן
און איינגעדעקט וואַרעם אין בעט,
געקושט מיר אין שטערן מיט ליבשאַפט
און שטיל צו דער מאַמען גערעדט...

דאָס האָט מיך געמאַכט צו פאַרגעסן
די שטענדיקע קלעפּ און געשריי,
איצט מעג מען מיך שלאָגן און שרייען —
עס טוט מיר אפילו ניט וויי.

אליהו הנביא

אַלע כוסות אָנגעפּילטע
שפּיגלען זיך אין רויטן שיין.
„שפוך חמתך" זאָגט דער טאַטע,
„אליהו דאַרף אַריין".

ווינקט די מאַמע מיט אַ שמייכל,
איך זאָל עפענען די טיר.
פון דערוואַרטונג, צי פון מורא,
ציטערן די הענט ביי מיר.

כ'האָב דערפילט אַ רויש, אַ פלאַטער
עפענענדיק ברייט די טיר.
זאָל דאָס זיין פון אליהו'ן,
אָדער גאָר דאָס האַרץ אין מיר?

כאָטש מען זעט אים ניט אַריינגיין,
און מען הערט אים ניט אַרויס,
ברענגט ער הויפנס פרייד און ליבע
אין אַ יעדן אָרים הויז.

און מיט צוגעמאַכטע אויגן
זע איך פשוט, קלאָר
אָט דעם אַלטיטשקן דעם ליבן,
מיט די זילבער ווייסע האָר.

איך בין שוין אַ גרויסער

איך בין שוין אַ גרויסער.
מיין טאַטע זאָגט — ער וויים,
ער זאָגט : אַז איך בין שוין פינף יאָר.

נאָר בלייב איך אַליין,
דאַן בין איך נאָך קליין —
איך שרעק זיך פאַר יעטווידער האָר.

מיין שוועסטער נחמה
און אויכעט מיין מאַמע
זיי זאָגען : איך בין שוין אַ מאַן.

נאָר שפעט בא דער נאַכט,
ווען ס׳ליכט איז פאַרמאַכט,
דאַן ציטער איך געבן אַ שפאַן.

איך שרעק זיך פאַר הינט,
ווי אַ פיצעלע קינד,
און ס׳שרעקט מיך אַ שאָטן אַמאָל.

ס׳זאָל קיינער ניט הערן,
וואָלט איך זיך דאַן גערן
צעוויינען גאָר הויך אויפן קול...

ס׳איז זייער ניט שיין,
איך וויים דאָס אַליין,
איך שעם זיך. נאָר וואָס זאָל איך טאָן ?

אַז שטילינקערהייט
איך שרעק זיך אויף טויט,
עס קלאַפט מיך אַ צאָן אָן אַ צאָן

און זומער אין היצן
די דונערן, בליצן,
וואָס פאַלן ווי שלאַנגען אַראָפּ.

ס׳זאָל קיינער ניט וויסן —
באַהאַלט איך אין קישן
און אונטערן קאָלדרע מיין קאָפּ.

„מיין טייערע קינד"

וועןֹ ס׳פלעגט מיך מיין טאַטע
אין מיטן דערינען
אָרוף טאָן: „מיין טייערע קינד".

האָב איך שוין פאַרשטאַנען,
עס שמעקט מיט אַ צרה.
איך האָב שוין אויף זיך עפּעס זינד.

איך פלעג מיט אַ ציטער,
אַ שרעק און אַ מורא
פּאַוואָלינקע צוגיין צו אים,

און ווי פאַר אַ ריכטער,
אַ שטרענגן, אַ בייזן
זיך גרייטן פאַר מיין יום הדין.

ער פלעגט מיך ניט שלאָגן,
און קיינמאָל ניט שרייען,
און גאָרניט געשען פלעגט אין פלוג.

נאָר קוקן מיט ביטול,
מיט שפּאָט און מיט חוזק,
און דאָס איז געווען גענוג.

ווינטער

ווינטער, ווינטער, אַלטער, קאַלטער,
שרעקט מיט שניי און קעלט,
אבער מיר איז זייער פריילעך
אין אַ ווייסער וועלט.

ווינטער, ווינטער איז אַ בייזער —
שמייסט ער מיך מיט שניי,
אָבער מיר איז זייער פריילעך,
טוט מיר גאָרניט וויי.

שטעל איך אויס מיין נאַקעט פּנים —
שנייעלעך, הו־הו. —
און, ווי שמעטערלינגען ווייסע,
קלעפּן זיי זיך צו.

קייקלען מיר זיך באַרג אַרונטער,
איך פאַרליר מיין הוט.
קומט זיך פרייען מיט די שנייען,
קינדערלעך, ס'איז גוט!

לייזערס צרות

ווייל איך זיין אַ גוטע קינד —
נאָר איך ווייס ניט ווי,
און מיין שלעכטסקייט הייבט זיך אָן
אַלע טאָג גאַנץ פרי.

אויפשטיין פויל איך זיך אַליין,
ביז עס ווערט שוין שפּעט.
שלעפּט מען מיך מיט אַ געוויין
פון מיין וואַרעם בעט.

באָדן זיך אין קאַלטן שפּריץ,
דאָס איז גאָר אַ גרויל !
שפּינאַט שטופּט מען מיר מיט גוואַלד
יעדן טאָג אין מויל.

ס'ווילט זיך מיר גאָר אומלויפן,
שפּילן מיט מיין פערד,
און מיט קרייד צו צייכענען
מענטשלעך אַף דער ערד.

קלאַפּ איך טשװעקעלעך אַ פּאָר —
פּטר איך די װענט.
שפּיל איך זיך אין גאַס מיט קױל —
שמיר איך אײַן די הענט.

װאָס איך װיל, דאָס טאָר איך ניט —
אַלץ איז מיר פֿאַרװערט.
דאָס ניט רײַס! און דאָס ניט ברעך! —
װאָס איך טו איז שלעכט.

װען איך האַלט אין מיטן שפּיל,
יאָג זיך נאָך אַ האָז —
מוז איך פּונקט צו דער מינוט
טרינקען מילך אַ גלאָז.

װיפֿל בלײַבט עס, אַז מען נעמט
צװײ פֿון פֿיר אַראָפּ?
קען איך ניט באַרעכענען —
שרײַט מען: „גראָבער קאָפּ!“

װאָלט איך זײַן אַ גוטע קינד,
טו איך אַלץ ניט גוט.
איז מיר זײער, זײער שלעכט!
כ׳װײס ניט, װאָס מען טוט.

פייגל, פייגל, פייגעלע

פייגל, פייגל, פייגעלע,
קום אַהער צו מיר.
זאָג מיר, קליינע פייגעלע,
וועך עס לערנט דיר.

אַז קיין ביכער האָסטו ניט
און קיין נאָטן ניט,
ווי זשע קענסטו אויסזינגען
אַזאַ האַרציק ליד ?

ווי זשע קענסטו אומפליען
וואו דיין האַרץ געלוסט ?
ווי איז יעדעם ווערעמל
דיר אַזוי באַוואוסט ?

ווי זשע קענסטו אויסבויען
אַזאַ וואַרעם נעסט ?
אַזוי קלוג באַהאַלטן זיך
אין די גרויסע פרעסט ?

ווייסט וואו דרום, צפון איז,
ווייסט וואו וואַרעם, קאַלט,
און דו ווערסט גאָר ניט פאַרבלאָנדזשעט
אין דעם טיפן וואַלד.

העי, העי, וואו ביסטו ערגעץ שניי!

דער ווינטער קערט שוין וועלטן
מיט ווינטן און מיט קעלטן,
העי, העי,
וואו ביסטו ערגעץ, שניי!

די מאַטעלעך און גיטעלעך
וואַרטן מיט די שליטעלעך,
העי, העי,
וואו ביסטו ערגעץ, שניי!

די קינדער ווילן יאָגן זיך
אויף די שליטלעך טראָגן זיך,
העי, העי,
וואו ביסטו ערגעץ, שניי!

די חברה ווילן הוליען
אין ווייכן שניי זיך קוליען.
העי, העי,
וואו ביסטו ערגעץ, שניי!

איך וואָלט וועלן...

איך וואָלט וועלן פירן שיפן,
זיין אַ קאַפּיטאַן.
אָדער אין די וואָלקנס פליען
אויף אַן עראָפּלאַן.

מיט מיין קאָפּ וואָלט איך דעם הימל
אָנרירן געקענט.
און די זון אַרומגענומען
כ'וואָלט מיטביידע הענט.

און די ימען אויסגעמאָסטן
אין דער לענג און ברייט.
און מיט זיך וואָלט איך פאַרנומען
שטיקער זון און פרייד.

אַ שרעקלעכע מעשה

איך ווייס ניט פאַרוואָס, און איך ווייס ניט פאַר ווען,
צי איצט, צי אַמאָל איז די מעשה געשען.
נאָר, קינדערלעך, הערט סאַראַ שרעקלעכע זאַך
עס האָט זיך געטראָפן מיט חיות אַ סך.
און אפשר נאָר איינע, איך ווייס ניט געווים,
געהערט האָב איך טראָמפּלען אַ טויזנטער פיס.
אַ שרעקלעכע חיה, איך ווייס נאָר ניט ווער —
עס קען זיין אַ קו, און עס קען זיין אַ בער.
געלאָפן, געפלויגן, איך ווייס ניט וואוהין
עס קען זיין אַהער, און עס קען זיין אַהין.
פלוצים — אַ קראַך ! נאָר איך ווייס ניט פון וואָס —
עס קען זיין אַ שאָס, און עס קען זיין אַ נאָס.
געפאַלן, געפאַלן, איך ווייס ניט צי טויט,
געגאָסן האָט בלוט, נאָר איך ווייס ניט צי רויט.
גאָר שרעקלעך, גאָר שרעקלעך ׳ז די מעשה געווען
איך ווייס ניט פאַרוואָס, און איך ווייס ניט פאַר ווען.

א חלום

אַ חלום

איינגעשפּאַנט מיין חבר — ווינט,
לאָזן מיר זיך זאַלבעןאַנד
אין גאַלאָפּ —היי־האָ — געשווינט !
אין דער ווייט, פון לאַנד צו לאַנד.

זון איז אין פּורפּור קלייד
איינגעשלאָפן אויפן ברעג,
און לבנה האָט מיט פרייד
אונז באַגלייט דעם גאַנצן וועג.

זינגען פריילעך אַלע דריי :
די לבנה, ווינט און איך,
שוועבנדיק זיך לייכט און פריי,
ווי די וואָלקנס שנעל און גיך.

איבער טאָלן, בערג און שניי,
איבער וועלדער, איבער ים
אין אַ פריילעכן געדריי
כאַפּן מיר דעם אָטעם קאַם.

פּלוצים רינגלען אונז אַרום
חיות ווילדע אָן אַ צאָל.
לייבן, וועלף מיט אַ געברום
אויף אַ מורא׳דיקן קול.

ריזן ביזן הימל הויך,
קאַרליקעס מיט שפּיז און שווערד,
שלאַנגען שיפּען, שפּייען רויך,

וווינט באַהאַלטן האָט זיך באַלד,
אויך לבנה איז אַוועק !
איך אַליין נאָר שריי ג־ע־וו־אַלד !!!!
אַ פאַרגליווערטער פון שרעק.

אַז איך האָב זיך אויפגעוועקט
איז געווען שוין זייער שפּעט.
און מיין קעצל לעקט און שמעקט,
שפּרינגט אַרום בײַ מיר אין בעט.

אַז מיין מאַמע פרעגט בײַ מיר —
וואָס איך שריי אַזוי פון שלאָף ?
איך דערצייל איר פון שפּאַציר
אַלץ פון אָנהויב ביזן סוף.

זאָגט זי : אַז איך בין אַ נאַר,
מיט דער קאַץ איך שלאָף און שפּיל —
חלומט זיך מיר נאָר דערפאַר
נאַרישקייטן אַזוי פיל...

פליען פייגעלעך...

פליען פייגעלעך אין רוימען,
פליען אין דער ווייט.
שפילן קינדערלעך אין היימן,
ביי דער מאַמעס זייט.

כ'וואָלט אַ פייגעלע געווען,
אָדער גאָר אַ ווינט
איידער „ספינאַטש" דאַרפן עסן,
ווי אַ „גוטע" קינד.

כ'וואָלט ווי פייגעלעך געפלויגן
אין דער ווייטער ווייט,
דאָרטן וואו אַקאַציעס בליען,
איידער „זיין אַ לייט"

כ'וואָלט מיט פייגעלעך געזונגען,
ביז די זון פאַרגייט,
און מיין שטימע וואָלט געקלונגען
ווי אַ זילבער-פלייט..

אַ שטיבעלע פון שניי

איך האָב געמאַכט פון שניי
אַ שטיבעלע פאַר צוויי.
באַלקאָנען און אַ דאַך,
און פענצטערלעך אַ סך.

נאָר אימיצער באַנאַכט
האָט אַלץ אַ תל געמאַכט,
צעגאַנגען איז אין שניי
מיין שטיבעלע פאַר צוויי.

דער טאָג איז וואַרים היינט,
די זון מיט חוצפה שיינט,
און קינדער אַזוי פיל —
זיי ליאַרעמען אין שפּיל.

נאָר איך בין היינט אין כעס
אַף אַלעמען אין גאַס:
פאַרוואָס זאָל גלאַט אַזוי
צעגיין אַ קלאָרער שניי ?...

יודעלע

עס קומען פֿון פעלדער
די שאָף און די רינדער,
זיי גייען שוין שלאָפֿן
ווי קליינינקע קינדער.

נאָר יודעלע זיצט נאָך
אין שוים ביי דער מאַמען,
ער קוקט ווי עס צינדן
די בערג זיך אין פלאַמען.

ער קוקט ווי די זון קושט
די ערד און דעם הימל,
און זעגנט זיך האַרציק
מיט יעטווידער בלימל.

זיי קושן זיך, פלעכטן זיך
אַלע צוזאַמען.
וויל יודעלע אויך זיך
צוקושן מיט מאַמען.

פאַרשעמט ער זיך — פּלוצים
אין מיטן דערינען —
באַדאַרף מען אַ תירוץ
אַ גוטן געפינען.

ער לאָזט באַלד די אויגן
גנביש אַראָפּ,
און פּיעסטשעט זיך : „מאַמע,
ס׳טוט וויי מיר דער קאָפּ“.

די מאַמע זי גלעט אים
און קושט אָן אַ שיעור.
— אָ, זונעלע מיינער,
ס׳זאָל מיר זיין פאַר דיר.

יום-טוב אינדערוואָכן

וואָס-זשע דאַרף איך פּסח,
סוכות אָדער שבועות,
אַז אַ גאַנצע וואָך איז
יום-טובדיק אַ חיעס ?

שטיי איך אויף באַגינען,
דאַרף איך זיך ניט איילן;
דורכן פּאַרק שפּאַצירן
גיי איך לאַנגע מיילן.

יום-טוב'דיק און פריילעך
לאַכט די זון אַנטקעגן;
און אַ פרייד צעשפּרייט זיך
איבער מיינע וועגן.

ס'ווינקען פון די גראָזן
בלימעלעך צעפּלעמטע;
ווינקען מיר און שמייכלען,
רויטלען זיך פאַרשעמטע.

און פרימאָרגן-שירה
אַלע פייגלען זינגען,
אַז מיר ווילט זיך טאַנצן
און מיר ווילט זיך שפּרינגען.

יום-טוב אינדערוואָכן
האָב איך אויך אין שולע,
לעבעדיק און פריילעך,
קינדערלעך אַ פולע.

פון אַן עמער וואַסער

פון אַן עמער וואַסער
און אַן עמער זאַמד
גראָב איך טיפֿע ים'ען
צו אַ ווייטן לאַנד.

וואָלקנס וועלן טרינקען
פון מיין טיפן ים,
און די זון וועט זינקען
אין מיין טיפן ים.

שטורמס וועלן קומען
אַף מיין גרויסן ים,
כוואַליעס וועלן ברומען
אַף מיין גרויסן ים.

ס'וועלן די טומאַנען
אַף מיין ברייטן ים
שרעקן קאַפּיטאַנען
אַף מיין ברייטן ים.



נח'ן אַ מתנה

נח נאַשער

זיינען זיך ביים טיש געזעסן
אַלע קינדער און געגעסן;
נח זעצט זיך אויבן אָן,
הויבט אָן קרייען ווי אַ האָן.

מאַכט ער אַלע קינדער לאַכן,
גיבן זיי אים גוטע זאַכן.
האָקוס, פּאָקוס, אָט אַזוי,
צייגט ער קונצן אַלערליי.

טייבקען צייגט ער ווי אַ פייגל
מיטן שנאָבל פּיקט אַ בייגל.
פּיק, פּיק, פּיק, אַהין־אַהער,
און ניטאָ קיין בייגל מער.

שפרה, שפרה, גיב דיין זעמל,
וועל איך ווייזן ווי אַ קעמל
רוקט אַריין די נאָז אָט דאָ,
און דער זעמל איז ניטאָ.

מאַשקע, גיב אַהער דיין קוכן,
כ'וועל אַ שטיקעלע פאַרזוכן,
וועל איך ווייזן ווי אַ האָן
פּיקט אַראָפּ די גאַנצע מאָן.

און דער קליינער ברודער בעניע
האָט אַ טעצעלע ווארעניע.
נח לעקט עס ווי אַ בער,
און דאָס טעצעלע ווערט לער.

זיסע טיי דערלאַנגט אים סאָניע,
און ער צייגט איר ווי אַ פּאָניע,
אָט אַזוי, און אָט אַזוי
כליאָבעט אויס די גאַנצע טיי.

יענטל האָט אַ בולבע לאַטקע,
בערטע האָט אַ שאָקאָלאַדקע,
און מיט קונצן אַלערליי
נאַרט ער אַלעם אויס ביי זיי.

קליינוואַרג קייקלט זיך פון לאַכן,
נח נאַשט די גוטע זאַכן;
ס׳פאַלט זיי גאָר ניט איין אין קאָפּ,
אַז ער נאַרט זיי אַלע אָפּ.

דער אידל מיט דער פידל

„קלייבט זיך אויף איר אַלע
גוטע מענטשן,
האָט רחמנות, שיינקט אַ שטיקל ברויט".

אַט אַזאַ מין לידל
זינגט אַן אָרים אידל,
אויף אַ פידל וויינט ער אוים זיין גרויסע נויט.

פון די פענצטער הויכע
קוקן קינדער בלייכע,
קופערנע מטבעות וואַרפן זיי אַמאָל.

און דער אַלטער אידל
ריפּעט אַף זיין פידל,
מיט אַן אומעטיקן, הייזעריקן קול.

און אַ רעגן גרויער
נעצט אַדורך מיט טרויער
אי דעם אידל, אי די פידל, אי זיין קול.

אומרו

— מאַמע, מאַמע, מאַמענקע,
נעם מיך אין דיין שוים!
— אַזאַ מויד, עס איז ניט שיין!
„קיינעם זאָג ניט אוים.

מיר איז אומעטיג, אַ גרויל.
וואָזשע טו איך פאָרט?
עפּעס צופּט, און עפּעס נאָגט,
כ׳האָב פאַר זיך קיין אָרט.

נעם מיך מאַמע, מאַמענקע,
גלעט מיר מיינע האָר,
דריק מיך צו, און האַלט מיך שטאַרק...
קוק אַף מיר — דאָס גאַר“....

פּחד

אַף די הויכע פעלזן
האָב איך ליב צו שטיין;
נאָר עס פאַלט אָן אימה,
כ׳פיל זיך אַזוי קליין.

אין געדיכטע וועלדער
האָב איך ליב צו גיין;
נאָר איך פיל זיך שפל,
ווי אַ וואָרם קליין.

באַ דעם ים אין שטורם
ליב איך זיין אַליין;
נאָר איך פיל זיך עלנד,
קלענער נאָך פון קליין.

אַמאָל פֿאַרטראַכט איך זיך

אַמאָל פֿאַרטראַכט איך זיך, פֿאַרקלער,
פֿאַרגעס איך וואָס איך בין און ווער,
פֿאַרגעס איך גאָר, אַז איך אַליין
בין ווי אַ פֿליג, אי שוואַך אי קליין.

נאָר מיט אַמאָל ווער איך אַ ריז,
מיט לאַנגע, לאַנגע דינע פֿיס ;
מיט איין און איינציק לאַנגן שפּאַן
גיב איך אַ שפּרייז דעם אָקעאַן.

אַזוי שפּאַציר איך ווייט, העט־העט,
אַריבער בערג, אַריבער שטעט,
אַריבער רוים, אַריבער צייט,
אין ערגעץ אין דער בלאָער ווייט.

דאָרט איז ניטאָ קיין ים, קיין לאַנד,
די גאַנצע וועלט איז אין מיין האַנט;
און ווי אַ פּילקע אין אַ שפּיל,
וואַרף איך די וועלט אַוואו איך וויל.

ווי גוט עס וואָלט געווען

אַנטלויפֿן פֿון דער שטאָט און פֿון דעם רעש,
אַנטלויפֿן פֿון משוגענעם מיש־מאַש,
אַנטלויפֿן אין אַ וואַלד איז וואָס איך וויל,
אַנטלויפֿן אַוואו רואיק איז און שטיל.

כ׳וואָלט אויפֿשטיין מיט דער זון דאָרט צוגלייך,
און באָדן זיך אין זינגענדיקן טייך,
כ׳וואָלט רוען אין דעם שאָטן פֿון אַ בוים,
און שפּיגלען זיך אין זונענדיקן רוים.

כ׳וואָלט פֿילען ווי דער וואַלד האָט זיך פֿאַרטראַכט,
און הערן ווי עס סודעט זיך די נאַכט,
און איינזאַפּן די שטילקייט ווען איך קען . . .
ווי וואונדערלעך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען !

מיין גרויסער ברודער

כ׳האָב אַ גרויסן ברודער,
אַיי איז ער אַ גבור,
שפּרינגט ער איבער דעכער,
שפּרינגט ער איבער גריבער.

מיט זיין קליינעם פינגער
לייגט ער איין אַ פייער,
און, אַז ער זאָל וועלן —
וואַרפט ער איין אַ מויער.

און פון אַלע דעכער
גנבֿ׳עט ער די טויבן.
און ביי אַלע שכנים —
ברעכט ער אוים די שויבן.

אויפן גאַס די קינדער
מאַכן אים אַ וואָרע,
נאָר מיין טאַטע רופט אים:
„שיינער תנא ברא“...

נ י י ע ר ז מ ן

אָנגעזונגען, אנגעשפּרונגען —
זומער איז פאַרביי.
קומט אַצינדער, ליבע קינדער,
לערנען אויף דאָס ניי.

נאָמיר ווידער זינגען לידער
אויפן נייעם זמן —
אַ מחיה, נייער חשק
איז ביי אונז פאַראַן.

נייע ביכער — לעזט זיך גיכער,
ניי פּאַפּיר און פען,
הלואי וואָלט עפּעס ניי
יעדן טאָג געווען.

III

ערגעץ ווייט



קינדער

קינדערלעך אין אַפריקע,
קינדער אין יאַפּאַן;
וואו עס זיינען קינדערלעך,
דאָרט איז פרייד פאַראַן.

אַלע קליינע קינדערלעך
זיינען קלוג און שיין,
שוואַרצינקע און ווייסינקע,
אַלע פול מיט חן.

ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט אַהינטער כינע
איז פאַראַן אַזאַ מדינה:
מ'דאַרף ניט אַרבעטן, ניט שקלאַפן,
קינדער לעבן ווי די גראַפן.

ניט קיין לערער, ניט קיין קלאַסן —
קען מען הוליען אין די גאַסן,
מ'דאַרף ניט קאַמען, זיך ניט וואַשן.
שאָקאָלאַדע קען מען נאַשן.

בעטן זיינע אַלע דאָרטן
אויסגעמאַכט פון זיסע טאָרטן:
דאַרפסט דעם צינגל נאָר אויסשטרעקן,
קענסטו צוקערלעקער לעקן.

אַז דו ווילסט, קענסטו זיך ליגן,
נאַשן טאָרט און כאַפּן פליגן;
ווילסטו — שפּרינגסטו אויפן סטעליע,
ווילסטו — שפּילסטו אין קאַפּעליע,

ס'זינגען דאָרטן אַלע פישן,
קינדער טאַנצן אויף די טישן;
יעדער לעבט זיך ווי אַ מלך,
ס'איז דאָרט לעבעדיק און פריילעך.

ווען איך וויים דעם וועג קיין כינע
וואָלט איך זוכן די מדינה;
ס'קען זיך זיין אַ ביסל ליגן,
אָבער גוט — אַ פאַרגעניגן.

עסקימאָסן

די עסקימאָסן האָבן ניט קיין זייגער —
די קינדער ווייסן קיינמאָל ניט ווי שפּעט:
ווייסן זיי ניט ווען צו בעטן עסן,
און ווייסן ניט, ווען לייגן זיך אין בעט.

פון אייז זיינען די בעטן און די הייזער,
די פּערענעס און קישעלעך פון שניי,
דער הימל און די פינקלדיקע שטערן —
אַ דעקע פון בריליאַנטן איבער זיי.

דער ווינטער איז אַ קאַלטער און אַ בייזער,
ער שאַלטעוועט און וואַלטעוועט אַ גוואַלד,
נאָר קינדער זיינען אָנגעפּעלצט און וואַרעם,
זיי שפּילן זיך ווי בערעלעך אין וואַלד.

זיי חלומען פון זומער, וואָס וועט קומען
און עפענען די טייכן פול מיט פיש,
און ברענגען אויף אַ ווייַלע שיינע בלומען
מיט יאַגדעס מחיהדיק און פריש.

זיי יאָגן זיך דערווייַלע פייל פון בויגן
אין גלעקלדיקע שליטעלעך מיט הינט,
מיט פינקלדיקע שוואַרצע מאַנדל-אויגן,
מיט קינדערשן געלעכטער קעגן ווינט.

יאַפּאַן

וויפל שיינקייט איז פאַראַן
אין דעם זוניקן יאַפּאַן!
פאַרבן געל און פאַרבן בלוי
שפּיגלען זיך אין טראָפּנס טוי.

שטיל און חנעוודיק און איידל
איז די יאַפּאַנעזער מיידל,
שמאָלע הענט און מאַנדל-אויגן,
גראַציעז זי טוט זיך בויגן.

בוגיקער פון יונגע גראָזן,
צאַרטער, איידעלער פון ראָזן;
אין קימאָנאָס פראָסט, באַשיידן
טוען זיי זיך אַלע קליידן.

היימען ווייסינקע און ריינע,
מעבל מיניאַטורנע, קליינע;
יעדער שטוב האָט פרישע בלומען,
און זיי שמעקן ווי פאַרפומען.

ניט קיין פרעסט און ניט קיין שנייען,
ניט קיין בייזע ווינטן ווייען,
זונענשטראַלן, וואַסערפאַלן...
פעלדער ברייטע, רייז פאַרזייטע.

וויפל שיינקייט איז פאַראַן
אין דעם זוניקן יאַפּאַן!
פאַרבן געל און פאַרבן בלוי
שפּיגלען זיך אין טראָפּנס טוי.

אַפריקאַנער קינדערלעך

אַפריקאַנער קינדערלעך
שוואַרצער נאָך פון קויל,
אינגעלעך און מיידעלעך,
אַלע נאַקעט הויל.

צירונג טראָגן זיי אַ סך —
פּאַטשערקעס פון גלאָז,
און בראַסלעטן אַף די פיס,
אוירינגלעך אין נאָז.

קומט אַ ווייסער דאָרט אַמאָל —
לאָכן זיי גאָר אָפּ,
און מיט חוזק קוקן זיי
אַף זיין גאַרדעראָב.

ס'זיינען דאָרט קיין באַנען דאָ,
קיין אויטאָמאָביל,
אָבער פּרוכטן טייערע —
וויפל נאָר מען וויל.

ביימער ביזן הימל הויך
פול מיט קאָקאָ נים,
און אַף ביימער קלענערע —
פייגן — צוקער זיס.

אַנאַנאַסן און באַנאַנעס,
וואו מען וואַרפט אַ בליק,
אַף די ביימער שפּרינגען מאַלפּעס,
שפּרינגען הין און צ'ריק.

און אין צירקוס, ווי מיר אַלע,
דאַרפן זיי ניט גיין,
ווייל דעם דזשאָנגל מיט די חיות
האָבן זיי אַליין.

אַ נעגערל

אין אַ גאָרטן בײַ די בלומען
שטײט אַ אינגעלע פֿאַרטראַכט;
שטײט אַ אינגעלע אַ שוואַרצער —
אויגן שוואַרצע ווי די נאַכט.

אין די אומעטיקע אויגן,
אין די ווײַסע פּערל־צײן
ליגט באַהאַלטן דאָרט אַזוי פֿיל
צאַרטער, קינדערישער חן.

ליבט דאָס אינגעלע די בלומען
און די בלומען ליבן אים,
ווי אַ חבֿרל אַ גלײַכן,
שמײכלען זײ און גריסן אים.

און אַ ווינטעלע אַ קילער
שטיפֿט און ווישפּערט אומעטום,
האַלזט און קושט דעם שוואַרצן אינגל,
האַלזט און קושט אויך יעדע בלום.

נאָר פֿאַראַנען קינדער ווײַסע,
זײַנען זײ אי שלעכט, אי דום, —
ווילן זײ מיט אים ניט שפּילן
און זײ קוקן אַף אים קרום.

און די אויסגעפּוצטע קינדער,
נאַרישע און שלעכטע ביז גאָר,
לאַכן פֿון דעם נעגער־אינגל
מיט די קרײַזלדיקע האָר.

ווײנט דער אינגעלע דער שוואַרצער
אַף זײַן מזל שוואַרץ ווי ער,
נאָר די בלימעלעך מיט ליבע
זאַפּן אײַן זײַן יעדע טרער.

און באַנאַכט, ווען אַלע רוען,
פֿון די טרערן ווערן טוי,
אין פֿרימאָרגן ווי בריליאַנטן
פֿינקלען זײ דערפֿאַר אַזוי...

טשינג-טשאַנג-טשו

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו ?
זיינען די כינעזערלעך
מיט די קורצע נעזעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו ?
אינגלעך טראָגן קליידעלעך,
הויזן טראָגן מיידעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו ?
אַף געגאָלטע קעפּעלעך
באָמבלען לאַנגע צעפּעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו ?
שיינע מאַנדל אייגעלעך
בוקן זיך ווי פייגעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו ?

אַלטער׳ן אַ מתנה

אין ליטע

איך געדענק דער באָבעס שטוב
מיטן קאַכל־אויוון.
קונציק פלעכט די באָבע אויס
זעמעלעך אַף הויוון.

ס׳וואַרפט דאָס פייער קופּערנע
שאָטנס אַף די ווענט;
אַלע קינדער טומלענדיק
וואַרעמען די הענט.

ס׳שמעקט אין שטוב מיט גריבענעס,
לאַטקעס און מיט שמאַלץ;
אַזאַ ליבע וואַרעמקייט
נעמט אַרומעט אַלץ.

ביי דעם געלן סאַמאָוואַר
זיצן אַלע שפּעט;
מע דערציילט זיך מעשה׳לעך,
מ׳שמועסט און מ׳רעדט.

און מיין מומע שושקעט זיך,
רויטעלט זיך און לאַכט;
נייט עפּעס אַף קאַנווע אויס,
האַנט־אַרבעט — אַ פּראַכט.

און דער בלאַסער פעטער מיין
חלומט אַלץ און טראַכט;
גראָבט זיך אין די ביכער איין
ביז נאָך האַלבער נאַכט.

באָבע פּליקט די פּעדערן,
ווייסע קלאָרע פּוך;
און מיין קעפּל שלעפעריק
נויגט אַראָפּ צום בוך.

נאָכדעם גייט דאָס פייער אויס,
ערגעץ ווײנט דער ווינט,
און די באָבע טאָרעט מיך:
„שלאָפן גיי, מיין קינד!"

„דעק זיך צו היינט וואַרעמער, —
זאָגט זי האַרציק־פּראָסט, —
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען:
ס'נעמט אַ גרויסער פראָסט".

אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג

אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג,
הימלען לויטער בלוי,
און קיין שנייען, זאַווערוכעס
זיינען דאָרט ניטאָ.

באָקסער, ראָזשינקעס און מאַנדלען
עסן אַלע ציגן,
און העברעאיש רעדן דאָרטן
קינדער אין די וויגן.

אַף די קעמלען פירט מען משא
ווי אַף אייזנבאַנען,
שלעפּן זיי זיך אין דער מדבר
גאַנצע קאַראַוואַנען.

קלינגען גלעקלעך אין דער נאַכט,
גלין־גלאָן־גלאָן,
און אַראַבער זינגען צו
פויל און מאַנאָטאָן.

און ווי הונגעריקע קינדער
די שאַקאַלן קלאָגן,
יאָמערן אַ גאַנצע נאַכט
ביז עס הויבט אָן טאָגן.

אַ אינגעלע פון תימן

איך האָב געטראָפן אַף מיין וועג
אַ אינגעלע פון תימן,
פון קינדערלעך וואָס וואַנדערן,
פון קינדערלעך אָן היימען.

אַ קאַלטער גרויל גייט מיר אַדורך
נאָך עד היום אין הארצן:
איך האָב אין אויגן קינדערשע
דערזען אַ תהום אַ שווארצן.

איך האָב אין אויגן קינדערשע
געזען שוין הונגער, צאָרן,
נאָר קיינמאָל ניט אַזוי פיל צער —
אַ צער פון טויזנט יאָרן.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, איך זע
אַ קינד דורכאויס פון אויגן,
וואָס וואַנדערן אַף דינע פיס
אין שווערן יאָך געבויגן.

פאַרפאָלגן מיך די אויגן אַלץ,
אַוואו איך זאָל ניט פאָרן;
די אויגן קינדערשע — נאָר פול
מיט פיין פון טויזנט יאָרן.

IV

דער באָבעס מעשה׳לעך

מיין באָבעלע

אַ באָבעלע, מיין באָבעלע,
ווי טייער זי איז מיר!
אין יעדן קנייטש פון איר געזיכט
איז ליבשאַפט אָן אַ שיער.

דערציילט מיין באָבע מעשה׳לעך,
וואָס הויבט זיך אָן: „אַמאָל״,
מיט אומעט און מיט בענקעניש,
מיט ציטערניש אין קול.

חלומות האָבן אַלערליי
געשימערט אויף איר וועג;
צערונען זיינען זיי ווי שניי,
ווי אייז אין פרילינג-טעג.

ווי ס׳האָט דער האַר פון פרייד און צער
צעאַקערט איר געזיכט;
ווי האָפענונג האָט אַלע מאָל
זי אָפּגענאַרט, פאַרפירט.

אַ מיליאָן טעג, אַ מיליאָן נעכט
איז באָבעלע שוין אַלט,
און בלאָנדזשעט אַליין אַזוי אַרום — —
אַ קינדעלע אין וואַלד.

אַ ציגעלע אַ ווייסע

עס איז שוין דאָ אַ קימאַ-לן פון יאָרן, —
דערציילט אַזוי די באָבעלע, פּאַרטראַכט, —
דער זיידע איז דורך וואַלד אַמאָל געפאָרן
אין אַ ליכטיקער, לבנהדיקער נאַכט.

געפינקלט האָבן פריילעכע די שטערן,
געסקריפּעט האָט דער בלישטשענדיקער שניי,
די פערדעלעך געלאָפן זיינען גערן —
געפילט נאָענט פון דער היים שוין האָבן זיי.

נאָר פּלוצים האָט זיך אָפּגעשטעלט דער שליטן,
די פערדלעך ווילן ווייטער מער ניט גיין,
אויפן וועג זעט דער זיידע אויפן מיטן
אַ ציגעלע אַ ווייסינקע דאָרט שטיין.

גענומען האָט ער ס'ציגעלע אין וואָגן
און איינגעדעקט דאָס ציגעלע מיט היי,
די פערדלעך האָבן ווילד גענומען יאָגן
אין פינקלדיקן, סקריפּענדיקן שניי.

זיי יאָגן ווי ניט-גוטע אַלץ אַריבער,
זיי יאָגן אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג,
זיי יאָגן איבער בערג און איבער גריבער...
אַהיים איז אָבער ניט אַזוי דער וועג.

דער זיידע האָט זיך מורא אומצוקוקן
אין דער ליכטיקער, לבנה'דיקער נאַכט,
אַ פרעסטל גייט אים איבער דורכ'ן רוקן...
דאָס ציגעלע האָט פּלוצים זיך צעלאַכט.

צעלאַכט זיך אַזוי חוצפה'דיק אין קלאַנגען,
ווי אַ מענטש מיט אַ קווישענדיקן קול,
אַרויסגעשטעקט אַ צונג האָט עס אַ לאַנגן
און תיקף ניט געוואָרן מיט אַמאָל.

קוים לעבעדיק אהיים איז ער דערפאָרן,
דאָס געלעכטער האָט אים נאָגעיאָגט די נאַכט,
ווי אַ טויב איז דער זיידע גרוי געוואָרן
יענע שרעקלעכע, לבנה׳דיקע נאַכט...

געקומען איז דער זיידע שוין אום שבת
און אַ קראַנקער זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

*
**

דאָ ענדיקט זיך די מעשה׳לע דער באָבעס;
פאַר היינט וועט זיין גענוג — עס איז שוין שפּעט.

אַמאָל און אַמאָל

שלאָף, מיין מיידעלע, מיין קליינע,
שלאָף מיין קינד, און הער זיך צו:
מעשיות האָב איך זייער שיינע;
ליג נאָר שטיל און הער זיך צו —
אײַ־ליו־ליו־ליו־ליו!

אַמאָל און אַמאָל איז געווען אַ וואַלד,
אַ ווייסינקער וואַלד אין די פעלדער אַליין;
איז דאָרטן געשטאַנען אין פראָסטיקן וואַלד
אַ שטיבעלע אָרים, אַ שטיבעלע קליין.

און דאָרטן אין שטיבעלע האָט זיך געלעבט
אַ באָבעלע עלנט מיט ווייסינקע האָר;
אַ באָבעלע עלנט מיט ווייסינקע האָר
האָט זיך געלעבט דאָרט אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

געווען איז באָבעלע אַלט, זייער אַלט,
געווען איז אין שטיבעלע קאַלט זייער קאַלט;
און באָבעלע האָט נאָך קיין איינציקן מאָל
געהערט דאָס געזאַנג פון אַ קינדערשן קול.

נאָר פלוצים, גאָר פלוצים אַ פייגעלע פליט,
עס פליט דורכן פענצטער אין שטיבל אַריין;
פון טויזנטער זונען די גאָלדענע שיין
עס ברענגט אין דעם אָרימען שטיבל אַריין.

און ווי נאָר דאָס פייגעלע גיט דאָרט אַ שפּרונג,
אַזוי ווערט די באָבעלע פריילעך און יונג;
עס הויבט איר אָן שטאַרקער צו קלאַפּן דאָס האַרץ,
די ווייסינקע האָר ווערן גלאַנציק און שוואַרץ.

און ווי נאָר דאָס פייגעלע האָט זיך צעלאַכט,
ווערט ליכטיקער טאָג אין אַ מיטן דער נאַכט;
דאָס ווייסינקע וועלדעלע פלוצים ווערט גרין,
דאָס פייגעלע שפּרינגט זיך אַהער און אַהין.

דאָס פייגעלע גיט מיט דעם פליגל אַ מאַך :
און ס׳וואַקסן אויס קינדערלעך קליינע אַ סך,
מיט לאַכנדע אויגעלעך, בלויע און שוואַרץ,
זיי גנבענען זיך אין דער באַבעלעס האַרץ.

און באַבעלע נעמט זיי אַריין אין איר שאַל
און פירט זיי אַריין אין אַ ליכטיקן זאַל ;
זי טיילט זיי אויס פייגן און מאַנדלען און ניס,
און קינדערלעך טאַנצן מיט באָרוועסע פיס.

דאָס שטיבעלע באָדט זיך אין רוישיקער פרייד
פון זאָרגלאָזע קינדערשע פריילעכע רייד ;
ביז היינטיקן טאָג איז דאָס וועלדעלע גרין
און פייגעלע שפרינגט זיך אַהער און אַהין.

שלאָף מיין מיידעלע, מיין קליינע,
שלאָף, מיין קינד, און הער זיך צו :
אָט דאָס פייגעלע דאָס קליינע
איז קיין אַנדערע ווי דו —
איי-ליו-ליו-ליו-ליו !

דער ערשטער שניי

ווי פרייליך די שנייעלעך שיטן —
עס איז היינט דער ערשטער טאָג שניי;
עס יאָגן זיך קינדער אין שליטן
מיט פרייליכן טומל-געשריי.

נאָר שלוימקעלע גייט זיך ניט גליטשן,
ער האָט ניט קיין שיך און קיין ברויט;
ער האָט ניט קיין טאַטן, קיין מאַמען,
מיט באָבעלען לעבט ער אין נויט.

שטייט שלוימקע אזוי ביי אַ פענצטער
און קוקט זיך אַרוים אויף דער גאַס;
ער האָט נאָך היינט גאָרניט געגעסן,
זיין פּנים איז אומעטיק, בלאַס.

ער איז זיי מקנא — די קינדער,
ווי פריילעך זיי שטיפן אין שניי;
ווען ער וואָלט עס האָבן אַ שליטן,
וואָלט ער זיך געשליטלט מיט זיי.

דערזעט ער גאַנץ נאָענט פון פענצטער
אַן אַלטיטשקער איד גייט פאַרביי;
ער טראָגט אַף זיין פּלייצע אַ פּעקל
און בייגט זיך פון משא אין דריי.

האַלב־נאַקעט לויפט שלוימקע אין דרויסן
און יאָגט אָן דעם אַלטיטשקן איד;
„רב איד, איך וועל העלפן אייך טראָגן,
איר זעט אוים פאַרמאַטערט און מיד".

דער אַלטיטשקער קוקט אַפן אינגל,
זיין פּנים צעשטראַלט זיך פאַר פרייד;
ער גלעט אים און קושט אים אין שטערן,
און רעדט צו אים שטילינקערהייט:

„האָסט גוטע און ערלעכע אויגן,
זאָלסטו שטענדיק אויך גוט זיין, מיין קינד",
שפּרייט אוים אַ פּאָר זילבערנע פליגל
און הויך, ערגעץ הויך ער פאַרשווינט.

און שלוימקעלע שטייט אַ געפּלעפּטער,
צעעפנט די אויגן און מויל;
ער קען זיך ניט גלויבן דעם וואונדער,
עס כאַפּט אים אַרומעט אַ גרויל.

פון פּעקל ווערט תיקף אַ שליטן
מיט ווייסינקע פערדעלעך צוויי,
און שלוימקעלע זיצט שוין אין מיטן
און יאָגט זיך אין פריילעכן שניי.

דער שליטן האָט פּולינקע קאַסטנס
מיט קליידער און עסן געהאַט,
צו שפּייזן אי שלוימקען, אי באָבען
דאָס גאַנצענע לעבן צו זאַט.

גליק

טויט קראַנק איז געוואָרן
אַ קעניג אַמאָל:
דער טויט האָט געלויערט,
געהאַלטן האָט שמאָל.

אין פּאַלאַץ אַ טומל,
אַ יאָמער, אַ גוואַלד;
דאָקטוירים די גרעסטע
געבראַכט האָט מען באַלד.

נאָר ס׳העלפט ניט קיין דאָקטאָר!
מען קען ניט פאַרשטיין,
וואָס ס׳איז מיטן חולה,
מען קען ניט דערגיין.

מען טאַפּט אים דעם דופק,
די נעכט איז מען וואַך;
רפואות און באַנקעס —
עס העלפט ניט קיין זאַך.

דער קעניג ווערט ערגער
און שוואַכער פון טאָג,
אין לאַנד איז אַן אומעט,
אין פּאַלאַץ אַ קלאָג.

נאָר אָט איז געקומען
אַ חכם פון ווייט,
אַ חכם אַ גרויער,
פון געטלעכע לייט.

קלערט ער, דער חכם,
דער געטלעכער מאַן...
„געזונט וועט ער ווערן
דער חולה נאָר דאַן,

ווען איינשלאָפן וועט ער
איין־איינציקע נאַכט
אין העמד פון אַ גליקלעכן“,
זאָגט ער פאַרטראַכט.

עס פליען שלוחים
אין נאָענט, אין פרעמד,
דעם גליקלעכן זוכן
און ברייגנען זיין העמד.

פאַרציט זיך דערווײלע
אַ שעה נאָך אַ שעה,
קיין גליקלעכער מענטש
איז אין ערגעץ ניטאָ.

באַ איינעם פעלט פּערל,
באַ אוינעם פעלט ברויט,
און איינעם האָט גרויזאַם
פאַראומגליקט דער טויט.

די רייטער פאַרצווייפלטע
רייטן צוריק:
ניטאָ איז אין ערגעץ,
קיין אמת׳ער גליק!

נאָר פּלוצלינג פון ווייטן
עס הערט זיך אַ קלאַנג:
אַ פריילעך געלעכטער,
אַ לוסטיק געזאַנג.

זיי פאָרן צו נעענטער
און גלויבן זיך קוים:
אַן אָרימער בעטלער
זינגט אונטער אַ בוים.

„גוט מאָרגן, גוט מאָרגן,
מיין טייערער פריינט;
דו ביזט אַזוי פריילעך
און גוטמוטיק היינט".

— „נו יאָ, ליבע הערן,
גאָטס וועלטל איז פיין;
פאַרוואָס זאָל איך פריילעך
און לוסטיק ניט זיין?

„ווי בלוי איז דער הימל,
ווי פריילעך דאָס פעלד;
ווי גוט איז צו לעבן,
צו זיין אויף דער וועלט!"

דערפרייט זיך דער עלטסטער
און נעמט אים אַרום,
און זאָגט אים: „מיין ליבער,
דיך זוך איך אַרום,

„איך האָב דיר דוקאַטן
און זילבער געבראַכט,
נאָר באָרג מיר דײַן העמד אױס
אױף הײַנטיקער נאַכט“.

צעלאַכט זיך דער בעטלער,
אַזױ װי אַ קינד,
און זאָגט: „איך בין נאַקעט,
אַזױ װי דער װינט.

„איך װאָלט דיר געגעבן —
איך שװער בײַ מײַן װײַב
נאָר גלױב מיר, איך האָב ניט
קײן העמד אױף מײַן לײַב“.

דאָס אינגל און די קאַץ

קומט אַהער, איר קליינוואַרג,
זעצט זיך אַרום מיר!
שאַ, און שטיל, און רואיק —
גיט זיך ניט קיין ריר.

וועל איך אייך דערציילן,
וואָס עס איז געשען,
וואָס איך האָב אַנומלט
אויפן גאַס געזען.

אין אַ טאָג אַ קאַלטן,
רעגנדיק און נאַס,
ווען מען זעט אַפילו
ניט קיין הונט אין גאַס.

שטייט אַ נאַסע קעצל,
ציטערט בא דער טיר;
מיט די אויגן בעט זי:
— קינדער, עפנט מיר!

גייט אַרוים אַ אינגל,
שטייט אַזוי און שטייט...
און דאָס קליינע קעצל
האָט זיך שוין דערפרייט...

נאָר דאָס אינגל גיט איר
מיט זיין פוס אַ זעץ:
„אַט אַזוי אַ דאַרף מען
בריקען אַלע קעץ!"

פאַלט זי אום פאַרבלוטיקט,
און די אויגן שטום
פרעגן, ריידן, מאָנען:
— רשע, זאָג וואָרום!

נאָר דאָס אינגל רואיק
שטייט אַזוי און לאַכט,
קוקט איר אין די אויגן,
שפּאָט פון איר און לאַכט.

אירע אויגן צינדן
פייערן אַ פּאָר...
און עס שטעלט זיך דיבאָם
בײַ דער קאַץ די האָר.

מיט די שאַרפע נעגל
גיט זי אים אַ קראַץ —
און פון שיינעם אינגל
ווערט אַ מיאוסע קאַץ.

וואָגלט אום דאָס אינגל,
פונקט ווי אַלע קעץ,
און פון שלעכטע קינדער
קריגט ער אָפּט אַ זעץ...

מען זאָגט . . .

ווען עס יאָמערט דער ווינט
און עס בילן די הינט,
לבנה באַהאַלט זיך ביז שפּעט.

איז אַ סימן: דער טויט
האָט זיך שטילינקערהייט
פאַר'גנב'עט ביי אימיצנס בעט.

דער אַלטער שלמה

ס'איז אַ צער אַף שלמהן
ווען עס פּייפט אין קוימען,

מיינט ער אַז די שדים
טאַנצן אַפן בוידעם.

שלמה איז אַ בלינדער,
שלמה האָט קיין קינדער,

שלמה לעבט אַליין,
עלנט ווי אַ שטיין.

איז אַ צער אַף שלמהן,
ווען עס פּייפט אין קוימען...

שוועסטערלעך

אין מיטן אַ וועג, אויף אַ נאַקעטן פעלד,
דאָרט וויגן זיך ווערבעס אַ פּאָר,
זיי שושקען זיך איינע די צווייטע אַריין
די סודות פון צענדליקער יאָר.

אין פרילינג צעבליען זיך ביידע מיט פרייד,
און פלעכטען צוזאַמען זיך איין;
און ווינטער אין שטורם, אין ביטערער קעלט,
זיי בויגן זיך ביידע פון פיין.

זיי פלעכטן צוזאַמען די צווייגן ווי הענט,
און האַלטן זיך שטענדיק געטריי;
אַזוי ווי אין ווינטער, אין פראָסט און אין שניי,
אַזוי אויך אין ליכטיקן מאַי.

דערציילט מען: אַמאָל האָבן שוועסטערלעך צוויי
געבלאָנדזשעט פיל נעכט און פיל טעג,
ביז זיי זיינען ביידע געפאַלן אָט דאָ,
אין פעלד, אויף דעם איינזאַמען וועג.

דאַן האָבן די שוועסטערלעך ביטער געוויינט,
געבעטן מיט טרערן אין קול:
אַז וואָס פאַר אַן אומגליק עס זאָל ניט געשען,
צעשיידן מען זאָל זיי קיינמאָל.

איז תיכף געוואָרן אַ שטורם, אַ ווינט,
עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי:
אַז פון די פאַרבלאָנדזשעטע שוועסטערלעך גלייך
זאָל ווערן דאָ ביימעלעך צוויי.

די ביימעלעך בליען פון יענעם טאָג אָן,
און וואַקסן אין לענג און אין ברייט;
זיי זיינען צעפרידן, די שוועסטערלעך צוויי,
זיי לעבן, זיי זיינען ניט טויט.

און זומער פאַרנאַכט, ווען זיי שטייען פאַרטראַכט,
קומט פריילעך א וואַרעמער ווינט,
ער קושט זיי און גלעט יעדן צווייג, יעדן בלאַט,
אַזוי ווי אַ מאַמע איר קינד.

און פייגעלעך קומען זיך בויען אַ נעסט,
זיי זינגען אַ פריילעכעס ליד ;
און וואַנדערער קומען און רוען זיך אָפּ
אין שאָטן, ווען זיי זיינען מיד.

פיל זוניקע טעג און פיל ליכטיקע נעכט
די שוועסטערלעך זאַפּן זיך איין ;
אַזוי גייען צענדליקער יאָרן אַוועק,
און צענדליקע וועלן נאָך זיין.

טייבעלען

איך האָב אַמאָל פאַרטראַכט זיך גלאַט אַזוי,
אַרויפגעקוקט צום הימלדיקן בלוי;
עס האָבן דאָרטן טייבעלעך ווי שניי
געפלאַטערט אין אַ רינג און אין אַ ריי.

איין טייבעלע האָט איילנדיק זיך שנעל
אַראָפּגעלאָזט זיך פלוצים אַף מיין שוועל,
אַ פּיק געטאָן נאָר ברעקעלעך אַ פּאָר,
אַ פלאַטער מיט די פליגעלעך, דאָס גאָר.

נאָר פּונקט ווי אין אַ חלום טרעפט אַמאָל,
די פרייד האָט זיך צעזונגען אָפן קול,
די זון האָט זיך צעלויכטן אַף מיין דיל
מיט שטראַלן, ווי בריליאַנטן פול און פיל.

פֿאַרגאַפֿט בין איך געבליבן אַף מיין אָרט,
געשראָקן זיך אַרויסברענגען אַ וואָרט;
געשמייכלט, נאָר מיט טרערן אין מיין בליק,
פֿאַר מורא ניט צו איבערשרעקן גליק.

נאָר גליק מוז זיין אַ שרעקעדיקע זאַך —
אַ פֿלאַטער מיט די פֿליגעלעך, אַ מאַך —
דאָס טייבל פֿליט שוין ווידער אין דער הויך.
צערונען ווערט דאָס גליק אַזוי ווי רויך.

די זון האָט זיך פֿאַרלאָשן אויף מיין דיל,
די פֿרייד ליגט אַ פֿאַרחלשטע איצט שטיל,
דאָס טייבעלע מוז שוועבן ערגעץ וואו,
נאָר איך האָב שוין פֿון דעמאָלט אָן קיין רו.

פרילינג

הערט, קינדערלעך ליבע,
אי גרויסע, אי קליינע;
איר ווילט דאָך אוואַדע
אַ מעשה אַ שיינע.

טאַ הערט, ליבע קינדער,
וואָס ס'האָט זיך פאַרלאָפן,
וואָס ס'האָט מיט די מעשות
מיט מיינע געטראָפן:

איר ווייסט דאָך, כ'האָב מעשות
געהאַט אָן אַ שיעור;
איז פלוצים געקומען
דער פרילינג צו מיר.

ער זאָגט, ער האָט קינדער
פון דרום געבראַכט,
וואָס ווילן ניט שלאָפן
אין פרילינג באַנאַכט.

אין פרילינג פאַרביינקט זיך
אַפילו דער ווינט,
צעוויינט זיך באַנאַכט
ווי אַ פיצעלע קינד.

נו, דאַרף מען די ווינטן
אַ מעשה דערציילן —
און עטלעכע וויל ער
די בלומען צעטיילן.

דער וואַלד, זאָגט ער, וויל אויך
אַ מעשהלע הערן;
ער וויל עם דערציילן
די יונגינקע בערן.

אַזוי האָט דער פרילינג
געבעטן מיט טרערן,
ביז איך האָב די מעשות
געגעבן אים גערן.

האָט פרילינג זיי אַלע
באַ מיר צוגענומען
פאַר פויגלען, פאַר בערן,
פאַר ווינטן און בלומען.

האָט פריילעך געדאַנקט מיר,
געקושט און אַנטלאָפן;
דאָס האָט מיט די מעשהלעך
מיינע געטראָפן

און איצט, ליבע קינדער,
גייט שפּילט מיט די בלומען,
און וואַרט ביז דער ווינטער,
דער קאַלטער, וועט קומען.

די נעכט זיינען לאַנגע,
און צייט איז פאַראַן —
וועל איך אייך דערציילן
פיל מעשהלעך דאַן.

באַם פריילעכן פייער,
אין פראָסטיקע נעכט,
וועל איך אייך דערציילן
פון גוט און פון שלעכט.

פון מוטיקע העלדן,
פון לענדער פון פרייע.
איך וועל אייך דערציילן
דאַן מעשהלעך נייע.

V

אַליע ליו ליו

אַײליע ליו-ליו

איך װעל דיר זינגען
אַ לידל, אַ צאַרטע,
אַ לידעלע אַײליע ליו-ליו.

אַ לידל אָן װערטער,
אַ פֿרײדיק געלעכטער
אַ לידעלע אַײליע ליו-ליו.

געפֿילן און קלאַנגען,
און הײסע פֿאַרלאַנגען,
װאָס קענען ניט קריגן קײן רו,

אָפּרוען װעלן זײ,
קינדעלע מײנינקע,
אין אָט אַ דעם אײליע ליו-ליו.

בלימעלעך און פערעלעך

בלימעלעך און פערעלעך
האָב איך אויפגעקליבן,
פאַר מיין קליינעם קינדעלע
לידעלעך געשריבן.

ווייל איך וויל, אַז קינדעלע
זאָל צופרידן זיין,
ליולינקע, מיין קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף איין.

מאָרגן וועל איך לאָזן זיך
יאָגן נאָכן ווינט,,
נייע שיינע וואונדערלעך
זוכן פאַר מיין קינד.

ווייל איך וויל, אַז קינדעלע
זאָל צופרידן זיין;
ליולינקע, מיין קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף איין.

וואָלט פון הרי חושך וואָס
קינדעלע פאַרטראַכט,
וואָלט איך אין אַ רגעלע
תיקף דאָס געבראַכט.

ווייל איך וויל אַז קינדעלע
זאָל צופרידן זיין;
ליולינקע, מיין קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף איין.

וואָס האָט באַ מיר פאַר אַ ווערט,
מיין איין איינציק לעבן?
כ'וואָלט אפילו צען געהאַט,
וואָלט איך אָפּגעגעבן.

נאָר מיין קליינע קינדעלע
זאָל צופרידן זיין;
ליולינקע, מיין קינדעלע
ליולינקע, שלאָף איין!...

ווען מיך טרעפט

ווען מיך טרעפט דיין קינדערש בליק,
ציטערט אלץ אין מיר פון גליק.
שמייכלט דאַן די גאַנצע וועלט,
אַלעם זינגט און אַלעם קוועלט.

פּלוצים שווינדט די פרייד אַוועק,
און עס גנבעט זיך אַ שרעק
אין דער מאַמעס האַרץ אַריין,
און עס מישט זיך שרעק מיט פּיין.

עפּעס ווערט מיר מאָדנע שווער,
און עס קייקלט זיך אַ טרער:
ס'זאָל חלילה ס'מזל דיין
זיין ווי מיינער שווער און וויסט.

ווען עס מישט זיך שרעק און פרייד,
טו איך תפילה שטילערהייט...
„גאָט אַליין זאָל היטן דיר
פון אַ מזל ווי בײַ מיר".



סילוועו

סילוועו, זיסע מיידעלע!
כ'זאָל שיקן דיר אַ קליידעלע, —
האָסטו שוין אַ סך.

זאָל איך שיקן קיכעלעך,
זעקעלעך צי שיכעלעך, —
האָסטו יעדע זאַך.

שיק איך דיר אַ לידעלע,
כאָטש איך ווייס, מיין מיידעלע,
לעזן וועסטו עס ניט.

ס'וועט דיר זיין אַ חידוש נאָר,
וואָס איך שרייב אין אידיש גאָר,
אָבער ליד בלייבט ליד.

שפּראַך איז ווי אַ וויגעלע,
ווי אַ שיינעם קריגעלע, —
נאָר מיין ליד איז וויין.

זינג איך דיר אַ לידעלע
פון אַ ווייסער ציגעלע.
סילוועו, הער זי איין!

קינדער

קינדער, מיינע קינדערלעך,
ווייסינקע, און געל און שוואַרץ —
אַלע פּרייט איר מיר מיין האַרץ.
כ׳קלייב פון יעדן לאַנד אייך אויף,
פלעכט אַ שיינעם קראַנץ צענויף
און אַליין ווער איך אַ קינד,
פריי און לוסטיק ווי דער ווינט.

קינדער, מיינע קינדערלעך,
אויסגעפילט בין איך מיט אייך,
ווי מיט וואַסערן דער טייך,
ווי אַ בלום איז פול מיט דופט,
ווי דער אָטעם איז מיט לופט.

קינדער, מיינע קינדערלעך,
נעמט אַ פאַרמעט און אַ רוט,
טונקט עס אין מיין האַרץ און בלוט,
לאָזט עס פלאַטערן אין זון —
וועט זיין אַ מעשהלע דערפון.
לאָזט עס פליען מיטן ווינט,
וועט זיין אַ ליד פאַר יעדעם קינד.

ס׳עופּעלע

קוקט אוים אַ נעבאכל, אַ תם,
האָט אָנגעמאַכט אַ טאַרעראַם;
ס׳איז פֿול מיט אים דאָס גאַנצע הויז,
און וואָס ער וויל דאָס פֿירט ער אוים.

אויב ניט מאַכט ער אַזאַ געוואַלד,
די מאַמע ווערט אַ טויטע באַלד;
אַר־אַ אַר־אַ — אין איין געשריי,
זי מיינט אַז עפּעס טוט אים וויי.

ער וויינט, דער זשוליק, יעדן מאָל,
ווען ער דערהערט נאָר מאַמעס קול;
אַף מאַמעס הענט איז וואָס ער וויל,
און ווי זי נעמט אים, ווערט ער שטיל.

לייבעלע

עפּעס וואָלקנט זיך דיין שטערן,
און עס פינקלען דאַכט זיך טרערן;
וואָס איז, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

אפשר ווילסטו קיכלעך נאַשן?
היים איך באַקן המן טאַשן!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

אפשר ווילסטו טאַנצן, שפּרינגען?
היים איך אַלע פויגלעך זינגען!
זאָג נאָר, לייבעלע זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

ביינקסטו גאָר נאָך לענדער ווייטע?
שטייען מיינע שיפן גרייטע!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

אפשר ווילסטו מאַרצעפּאַנען?
דאָס איז אויך בא מיר פאַראַנען!
זאָג נאָר, לייבעלע זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

און דאָס טעלערל פון הימל
קריג איך ווי פון פעלד אַ בלימל!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

וואָס זשע וואָלקנט זיך דיין שטערן?
וואָס זשע פינקלען בא דיר טרערן?
זאָג מיר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

איין פּאָר שיך

עס קלאָגט דער ווינט, ס'איז קאַלט און נאַס.
און איך קען היינט ניט גיין אין גאַס:
מיין קליין שוועסטערל און איך —
מיר האָבן ביידע איין פּאָר שיך.

עס האָט די קליינע היינט אויף גיך
באַהאַלטן ערגעץ וואו די שיך,
זי האָט זיך נאָך גערייצט מיט מיר —
האָב איך געכאַפּט זיך שלאָגן איר.

נאָר כ'ווייס ניט ווי דאָס איז געשען —
איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען
די קליינע אַזוי דין און בלאַס...
עס איז מיר גלייך פאַרביי דער כעס.

עס האָט אין האַרצן מיר פאַרקלעמט,
און איך האָב זיך אַזוי פאַרשעמט,
איך בין אין יענע פּאָר מינוט —
געוואָרן אויף אַן אמת גוט.

„דו ווילסט, זאָג איך, טו אָן די שיך,
און נעם זיי אַלע מאָל פאַר זיך,
ווייל איך בין שטאַרק און קען באַשטיין
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין".

זי קוקט און רירט זיך ניט פון אָרט.
איך זע, זי גלויבט מיר ניט קיין וואָרט.
דאַן גיי איך נענטער צו צום בעט,
און גיב איר קעפּעלע אַ גלעט.

און זאָג דאָס זעלבע נאָך אַמאָל,
נאָר מיט אַ שטילן ווייכן קול:
„דו ווילסט די שיך, טו נעם און טראָג
און טו זיי אָן איעדן טאָג.

„ווייל איך בין שטאַרק און קען באַשטיין,
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין"
איך האָב געוואָלט איר זאָגן מער...
נאָר ס'האָט פאַרשטיקט מיין קול אַ טרער.

אַזאַ ברעקל

אַזאַ ברעקל קליינטשיק מיידל,
און עס ברענגט אַזוי פיל גליקן!
ליכטיקייט אין מאַמעס פנים,
צערטלעכקייט אין טאַטנס בליקן.

ווי אַ בינטל זונענשטראַלן
שפּילט און וויג זיך יענטל;
גיט אַ הויב אַ ראַזיק פיסל,
שטעקט אַרוים אַ פּוכקע הענטל.

ווען עס קריגט אַ זויער פּנים
און עס הויבט אָן ליפּלעך מאַכן,
גיט מען עס אַ לייכטן קיצל —
הויבט עס ווידער אָן צו לאַכן.

און מע זינגט עס שיינע לידלעך
מיט אַ שטילן מאַמע ניגון,
ביז דאָס קליינע ליבע מיידל
שלאָפט זיך איין פון פאַרגעניגן.

קאַראַפּוזיק

דוד'ל, מיין דודל, מיט אויגן
שוואַרץ און גרויס
שמייכלסטו צו אַלעמען, און קריכסט אַף
יעדנס שויס.

דוד'ל, מיין דוד'ל, מאַכסט יעדן
טויב און דול;
מיט דיין קורצן נעזעלע אומעטום
ביזטו פול.

דוד'ל, מיין דוד'ל, אַי ביזטו
ליב און זיס!
אַהערצו קום, דו נאַשערל, נאַ דיר
טאָרט און ניס.

דוד'ל, מיין דוד'ל דו פּלאַפּלסט
אָן אַ שיעור;
ליבער קאַראַפּוזיקל, מיר זאָל
זיין פּאַר דיר.

זומער

ס'איז גוט צו שפּאַצירן
די ווינטלעך זיי פירן
אין ברייטן, אין זוניקן פעלד;
עס קומט מיר אַנטקעגן
פון דאָרפישע וועגן
אַ ליכטיקע, פריילעכע וועלט.

עס וויגן זיך זאַנגען,
ווי גאָלדענע שלאַנגען,
זיי בויגן די קעפּלעך צו דר'ערד;
דאָרט שטייען און ליגן
און פּאַשן זיך ציגן
און זאַטע בהמות און פערד.

און בלויאינקע קראשקעס
מיט געלע ראָמאַשקעס,
זיי ווינקען און לאַכן אין גראָז;
אין מיטן דערינען
איז פּלוצים דערשינען
אַ ווייסער צעשראָקענער האָז.

אַ בוים פול מיט באַרן,
מיט זאַפטיקע באַרן,
שטייט דאָרט ביי אַ פּלויט אָן אַ זייט;
ער שטייט זיך באַזונדער,
אַ פולער, אַ רונדער,
און קוקט זיך אַזוי אין דער ווייט.

איך גיס זיך צוזאַמען,
ווי פונקען אין פלאַמען,
מיט זון און מיט פעלד און מיט טרוים;
כ׳בין פול מיט געזאַנגען,
ווי צייטיקע זאַנגען,
ווי זאַפטיקע באַרן און בוים.

זייפנבלאָזן

זייפנבלאָזן — וועלטן שיינע,
פרייען זיך די קינדער קליינע;
וועבן זיך אין לופטן שלעסער
איינע פון די צווייטע גרעסער.

שענער פון דעם רעגנבויגן
צינדן זיך די קינדערס אויגן;
ווילן זיי די וועלטן כאַפּן,
מיט די הענטלעך אָנצוטאַפּן.

נאָר — איין ריר — ווערט גלייך אַ תל
פון די שלעסער ראַזיק העל,
און עס בלייבט אַ פלעק, ניט מער
ווי אַ קינדערישער טרער.

איך וואָלט וועלן

איך וואָלט וועלן עפּעס וואָס
שיינקען דיר אַזוינס,
ס'זאָל דערפרייען דיך אַמאָל —
קינדעלע, דו קליינס.

בין איך אָבער שוואַך און מיד,
אָרים אויך און קראַנק;
חוץ מיין ליבע — היים און טריי
האָב איך קיין געשאַנק.

נעם זשע, קינד, מיין ליבע מיט
איבער אַלע וועגן,
וועט די פרייד, די ווייסע פרייד,
קומען דיר אַנטקעגן.

דאָס קינד

גוט איז דיר, מיין קינד!
אַלעס איז דיר ניי;
זאָרגלאָז ווי דער ווינט,
ווי דער פויגל פריי.

הונגעריק דיין בליק,
אַלעס ווילסטו זען.
רק דו ווערסט אַנטציקט —
אַלץ איז וואונדער־שיין.

וואונדערסט זיך אַזוי:
קוימענס לאָזן רויך,
ווינטער פאַלט אַ שניי,
פייגל פליען הויך.

וואונדערסט זיך אַזוי,
אַז דער שניי איז ווייס;
איינס און איינס איז צוויי,
איז בײַ דיר אַ נייס.

דיין געלעכטער קלינגט
פול מיט העלער פרייד,
אַלעס אין דיר זינגט
שווייגענדיקערהייד.

אַ מיידעלע

אַ מיידעלע אַ קלייניגקע
מיט גרויסע, בלויע אויגן;
איר פּנימל דער זיסינקער
מיט טרויער איז פאַרצויגן.

איר הינטעלע, דער ליבינקער,
איז פּלוצים גאָר אַנטלאָפן;
זי וויינט, זי בּיינקט, די קלייניגקע,
זי וויל ניט עסן און ניט שלאָפן.

די מאַמע פּרואווט זיך טרייסטן איר
מיט צאַצקעלעך, מיט שפּילן;
דאָס קינד איז אָבער אויפגערעגט,
מען קען עס ניט פאַרשפּילן.

„דיין הינטעלע אַ שלעכטער איז,
ניט וויין, מיין קינד, ניט וויין;
ווען ער זאָל ליבן דיך, ווי דו,
וואָלט ער ניט לאָזן דיך אַליין".

אַ ווײַלע בלייבט דאָס קינד פאַרטראַכט
מיט אויגן — פולע טרערן,
און כליפּעגדיק, רעדט זי אַרויס,
קוים, קוים וואָס מען קען הערן:

„איך וויים דאָס אַלעס, מאַמעשי,
איך ליב אים ווי מיין לעבן!
הלוואי נאָר קומט ער שוין,
איך וואָלט אים אַלץ פאַרגעבן!"

דער מאַמעס פּנים רויטלט זיך,
זי שעפּטשעט: טאָכטער מיינע!
דו בּיזט דאָך ריכטיק טראָפּנס צוויי
פּונקט ווי די מאַמע דיינע...

איך וויים אַזאַ וועג

קומט, קינדערלעך ליבע,
איך וויים אַזאַ וועג,
וואָס פירט צו אַ שיינעם
און זוניקן ברעג.

אַריבער די בערג, און אַריבער דעם טאָל,
דאָרט שימערן שלעסער פון גאָלד און קרישטאָל.

דאָרט שיינען די זונען באַטאָג און באַנאַכט,
און גאָט האָט אַליין דאָרט פּאַלאַצן געמאַכט.

פאַר קינדער און טרוימער ליגט אָפן דער וועג,
וואָס פירט צו דעם זוניקן, ליכטיקן ברעג.

פאַר אייך, ליבע קינדער, עס ליגט דאָרט געגרייט
די שיינקייט פון אוצרות אַף מיילן צעשפּרייט.

אַ שיינקייט וואָס זעטיקט, אַ שיינקייט וואָס בלענדט,
אַ שיינקייט — כאַטש נעם און דערלאַנג מיט די הענט.

דאָרט לויכטן די אויגן מיט הייליקן פלאַם,
דאָרט פילט מען זיך פריי ווי די כוואַליעס אין ים.

דאָרט הויבט מען זיך אויף מיט די אָדלערס צוגלייך,
דאָרט שפּיגלט זיך אַלץ, ווי אַ זילבערנער טייך.

קומט, קינדערלעך ליבע, פאַרלירט ניט קיין צייט,
קומט, לאָמיר זיך שיפן צום גאָלדענעם ווייט.

קומט, קינדערלעך ליבע,
איך וויים אַט דעם וועג,
וואָס פירט צו דעם שיינעם
און זוניקן ברעג.

סוף זומער

פול די לופט מיט בענקעניש
און מיט זיסן קומער;
אין דער לופטן צאַפּלט זיך
שוין דער סוף פון זומער.

ליגן אויסגעשפּרייט די בערג,
עלנטע, פאַרשעמטע,
שפּיצן בוימער רויטלען זיך,
רעגן זיך צעקלעמטע.

וואו ס'איז נאָר אַביסעלע
זומער נאָך פאַרבליבן,
האָבן עס די קינדערלעך
פריילעך אויפגעקליבן.

שטיפעריש באהאַלטן עס
אין די קלאָרע אויגן;
מיט געזאַנגען האָבן זיי
אין שטאָט אַרויסגעצויגן.

פירן מאַמעס קינדערלעך
פון דער זון פאַרברוינטע,
מיט קאָלירטע בלימעלעך
קעפּעלעך באַקרוינטע.

פולע קוישן יאַגעדעס
האָבן זיי פאַרנומען;
שמעקן זיס די יאַגעדעס,
קינדערלעך און בלומען.

דאָס אייביקע ליד

מיין באָבעלע פלעגט מוסרן,
און שטענדיק שטראָפן מיר:
— דו ווייסט גאָר ניט, מיין קינדעלע
ווי גוט עס לעבט זיך דיר ! —
און באָבעלע באַדויערן
פלעגט אירע יונגע יאָר:
צו צוועלף האָט מען אפגעגאָלט
די שיינע לאַנגע האָר.
צו דרייצן, זאָגט זי, האָט זי שוין
אַ קינדעלע דערלעבט.
אַזוי האָט זיך דאָס לעבן אירס
ניט לעבענדיק געלעבט.

מיין טאַטע פלעגט אויך שטראָפן מיר:
דו ביזט צולאָזן, ווילד...
און פון זיין קינדהייט שילדערן
אַ מוראדיקע בילד.
געגעסן טעג, געוואַלגערט זיך,
געהונגערט אין דער פרעמד,
און וואָכן לאַנג געטראָגן האָט
ער ניט קיין ריינע העמד.
צי זיבן יאָר געטרונקען האָט
ער ריצנאויל אַליין
אין בית המדרש אויף אַ באַנק,
און עלנט, ווי אַ שטיין.

— און מיר, מיין טייער קינדעלע,
געווען איז בעסער ניט
כאָטש ריצנאויל געמוזט האָט מען
מיר געבן זאַלבע דריט.

א ליאַלקע, צי אַ ביכעלע
געווען איז אַ טרוים.
מיין קינדהייט — ניט קיין קינדערשע,
און איך געדענק זי קוים. —
אַזוי באַקלאָגט מיין מאַמע זיך,
פון אויג איר פאַלט אַ טרער,
אַף איר לעבן ביטערן,
אַף איר מזל שווער...

און דיר איז גוט, מיין טייערע,
ווייל ביכער האָסטו פיל,
און ליאַלקעלעך מיט צאַצקעלעך
די בעסטע פאַרן שפיל.
נאָר איך בין זיכער, קינדעלע,
אַז דו וועסט ווערן גרויס,
וועסטו אויך שטראָפן, מוסרן
דיין קינדעלע אין שוים.
די זעלבע, זעלבע לידעלע
וועט גיין פון דור צו דור
ס'וועט יעדערער באַדויערן
די קינדערישע יאָר...

VI

אַ גוטע נאַכט

אַ גוטע נאַכט!

אַ גוטע נאַכט אייך, פייגעלעך,
אַ דאַנק אייך פאַרן זינגען,
ווייל אייער וואונדערלעך געזאַנג
אין חלום וועט מיר קלינגען.

אַ גוטע נאַכט, מיין טייכעלע,
דו זאָלסט ניט לויפן, יאָגן:
די נאַכט קען זיין אַ פינצטערע —
דו וועסט זיך נאָך צעשלאָגן.

אַ גוטע נאַכט, און שלאָפט געזונט,
איר ליבע זיסע בלומען;
אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!
כ׳וועל מאָרגן ווידער קומען.

דער מלאך פון שלאָף

מען זעט אים ניט, מען הערט אים ניט,
ער גנב'עט זיך מיט שטילע טריט;
ער קומט פון ערגעץ זייער הויך
מיט פליגעלעך ווי סאַמעט ווייך.

עס פאַלן מיד אראָפּ די הענט,
עס בוקן זיך צום דיל די ווענט;
די מענטשן ווערן לאַנג און שמאָל,
און ערגעץ ווייט עס זינגט אַ קול.

עס מאַכן אויגעלעך זיך צו,
מען שלומערט איין אין זיסער רו;
און מאַמעס שמייכלען, זינגען צו:
אַליע-ליו-לינקע ליו-ליו.

באַנאַכט

עס האָט זיך מיר געדאַכט באַנאַכט,
אַז עמיץ שטייט ביים בעט:
דאָס האָט אַ ווארים ווינטעלע
געקושט מיך און געגלעט.

עס האָט זיך מיר געדאַכט באַנאַכט,
אַ גרויסער פייער ברענט:
דאָס האָט לבנה זיך צעשפּילט
אין צימער אַף די ווענט.

עס האָט זיך מיר געדאַכט באַנאַכט,
אַז רויבער קומען פיל:
דאָס האָבן זיך די ביימעלעך
געשושקעט אין דער שטיל.

און קוואַ קוואַ, קוואַ קוואַ
געקוואַקעט אַלע גלייך,
די גרילן און די זשוקעלעך
און זשאַבקעלעך באַם טייך.

פײַער פֿליגעלעך

פײַער פֿליגעלעך אַ פּראַכט,
אָנגעצונדן אין דער נאַכט,
פֿינקלען אַלע מיט אַ מאָל
אויפֿן גרינעם באַרג און טאָל.

זײ פֿינקלען, רײַצן נאָכאַנאַנד,
כאַפּט נעם דערלאַנג זײ מיט דער האַנט.
זײ פֿינקלען דאָרט, זײ פֿינקלען דאָ,
אָט זײַנען זײ — און שוין ניטאָ!

זײ צינדן, פֿינקלען נאָכאַנאַנד,
מיר דוכט, איך בין אין חלום-לאַנד;
און װי דער האָן גיט נאָר אַ קרײ,
אין ערגעץ װײַט פֿאַרשװינדן זײ...

די מאַמע רופט

די זון פאַרנייגט, די מאַמע רופט —
די מאַמע רופט מיך שלאָפן,
איך וואָלט געקענט אַ גאַנצע נאַכט
די אויגן האַלטן אָפן.

עס איז דאָ שטיל אזוי און גוט —
איך וואָלט דאָ בלייבן גערן;
און טראַכטן זיך, און חלומען,
און קוקן אַף די שטערן.

נאָר מאַמע רופט, און איך מוז גיין —
עס ווערט שוין קיל און שפּעט;
עס וואַרט אַף מיר דער מאַמעס קוש,
און ס׳אויסגעבעטע בעט.

אויפֿן פֿרישן קבר פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים

„מאַמע, מאַמע, איז דאָס אמת,
אַז דער זיידע איז געשטאָרבן?
דער, וואָס האָט איעדנס ליבע
מיט זיין האַרציגקייט דערוואָרבן.

ווער וועט לידער אויף דער האַרפֿע
אַף דער אידישער אונז שפּילן?
ווער וועט אידישע יסורים
אַזוי טיף אין האַרצן פֿילן?

ווער וועט מעשה׳לעך דערציילן,
וועלכע רירן אַזש ביז טרערן?
יעדער וואָלט מיט פֿאַרגעניגן
גאַנצע טעג און נעכט זיי הערן.“

— וויין ניט, קינד מיינס, ס׳איז ניט אמת.
אַזאַ זיידע קען ניט שטאַרבן.
לעבן וועט ער אייביק, אייביק
אין די שענסטע העלע פֿאַרבן.

— אין די מוזיק פֿון די כוואַליעס.
אין דעם שימער פֿון די שטערן,
וועלן מיר די צאַרטע שטימע
פֿון דעם ליבן זיידע הערן.

— אין אַ קינדס אַ ליכטיק שמייכל,
אין אַ זקנ׳ס הייסע טרערן,
וועלן מיר אַ גרוס אַ ליבן
פֿון דעם גרויסן זיידע הערן.

— ווי די זון און די לבֿנה,
שיין און שטאַרק אַזוי ווי ביידע,
לעבן, לייכטן וועט ער אויביק
אונזער ליבער גוטער זיידע.

עס טרעפט אַמאָל . . .

עס טרעפט אַמאָל אַזאַ פאַרנאַכט,
דער הימל רויטלט זיך פאַרטראַכט,
פאַרחלומט טוליעט זיך דער פאַרק
און רואיק דרעמלט איין דער מאַרק.

און וואו דו גייסט איז שאַ און שטיל,
פון ווייטן הערט זיך נאָר אַ גריל;
פון ווייט, גאָר ווייט, עס בילן הינד,
און ערגעץ וויינט אַ פיצל קינד.

די גאַנצע וועלט איז צאַרט און ווייך,
און די לבנה הויך און בלייך,
און יעדער בוים און יעדער שטיין
איז סודעסדיק און מלא חן.

שלאָף

װען איך קען ניט שלאָפֿן,
ליג איך מיר און טראַכט:
װאו איז שלאָף אַנטלאָפֿן
אױף אַ גאַנצע נאַכט?

װיל איך גײן אים יאָגן,
װײס איך ניט אַװאו;
ביז עס הױבט־אָן טאָגן
האָב איך ניט קײן רו.

קומען מיר אַנטקעגן
װײסע, קלײנע שאָף;
הױב איך אָן זײ פֿרעגן:
װאו איז איצט דער שלאָף?

דאָרט באַם ברעג פֿון הימל,
זאָגן זײ, בײם פּלױט,
ליגט דער שלאָף אין דרימל
אױף אַ זילבער קױט.

„קום מיט אונז שפּאַצירן",
בעטן מיך די שאָף,
װעלן מיר דיר פֿירן
אין דעם לאַנד פֿון שלאָף".

שעפּסן ליבע, קלײנע,
שטעלן זיך אין רײ;
צײל איך יעדער אײנע,
אײנס און צװײ און דרײ.

ביז איך װער פֿאַרטומלט,
שלעפּעריק און מיד,
ביז איך װער אַנדרעמלט...
מער געדענק איך ניט.

אַ ווינטער נאַכט

אין דרויסן אַ שניי און אַ ווינט,
אין שטיבעלע אַ פאַרגעניגן,
די קינדער זיי שפּילן אין שאַך,
דער טאַטע ברומט אונטער אַ ניגון.

די באָבע אָן אויפהער דערציילט
דאָרט מעשהלעך איינע נאָך איינע:
פון פּרינצן, פון אָרים, פון רייך,
פון וועלטן פאַרכישופטע, שיינע.

און טייבעלע, קוים וואָס זי זיצט,
זי קעמפט מיטן גזלן, דעם שלאָף;
עס ווילט זיך באַטראַכטן די שפּיל,
פון מעשהלעך הערן דעם סוף.

די אייגעלעך קלעפּן זיך צו,
זי מאַטערט זיך האַלטן זיי אָפן
און דרייט מיטן קעפּעלע: — ניין!
איך־ווי־ניט, איך־ווי נאָך ניט שלאָפן.

די מאַמע קוקט ליבלעך איר אָן,
און לייגט זי אין בעטעלע שלאָפן,
און לאַכנדיק קרימט זי איר נאָך:
איך־ווי־ניט, איך־ווי נאָך ניט שלאָפן. —

אַרום איז שטיל

אַרום איז שטיל,
עס זינגט די רו;
לבנה שוועבט
און הערט זיך צו.

די בערג אין סודות
טוליען זיך,
און שטערן פינקלען,
מיניען זיך.

אַ בענקעניש
דעקט אַלעס צו —
די בערג, די שטילקייט
און די רו.

עס דוכט זיך מיר:
איך בין אַליין
אַ שטערן צאַנקענדיק
און קליין,

וואָס מיניעט, ציטערט
אין דער ווייט,
אין דער בלויער
אייביקייט.

ווער?

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דעם ווינט.
ניט איך, — זאָגט דער ווינט, —
אפשר גאָר די בייזע הינט.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דעם האָן.
ניט איך, זאָגט דער האָן, —
כ׳וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דער זון.
ניט איך, — זאָגט די זון, —
אפשר גאָר די ראָבע הון.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע באַ דער בין.
ניט איך, — זאָגט די בין, —
אפשר גאָר דער שלעכטער שפין.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דער שוואַלב.
ניט איך, — זאָגט די שוואַלב, —
אפשר גאָר דאָס נאַריש קאַלב.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע באַ דער מויז.
ניט איך, — זאָגט די מויז, —
איך בין ניט געווען אין הויז...

ווער זשע פאָרט האָט דאָס געטאָן?
אַז ניט די מויז און ניט דער האָן,
ניט די שוואַלב און ניט די קאַלב,
ניט די בין און ניט דער שפין,
ניט די זון און ניט די הון,
ניט דער ווינט און ניט די הינט —
ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?

פאַרטאָג

איז די זון נאָך ניטאָ,
איז דער הימל נאָך גראָ,
יעדער בוים, יעדע בלום
וואַרט אַרום און אַרום:
די זון זאָל שוין אויפגיין אַמאָל.

אינדערפרי

און אַז טייבל שלאָפט שפּעט,
ליגן שיכלעך ביים בעט,
און די צאַצקעס אַרום
וואַרטן אומעטיק, שטום —
אַף טייבעלעס פריילעכן קול.

דערציייל זשע מיר אַ מעשה׳לע

דערציייל זשע מיר אַ מעשה׳לע,
וועל איך אַ גוטע זיין:
וועל אויסטאָן מיינע שיכעלעך
און גלייך אין בעט אַריין.

און אַלעס וועל איך פאָלגן דיך,
וועל זיין אַ גוטעס קינד;
וועל ליגן ווי אַ קאַטינקע
און שווייגן שטיל אַצינד.

כ׳וועל צומאַכן די אייגעלעך,
זיך לייגן אַף אַ זייט,
און ווי אַ קליינע פייגעלע
אין חלום פליען ווייט.

דערציייל, דערציייל אַ מעשה׳לע,
וועל איך אַ גוטע זיין:
וועל אויסטאָן מיינע קליידעלעך
און וועל אין בעט אַריין.

פֿלי, װינטל, פֿלי

פֿלי, װינטל פֿלי,
ס'װערט שױן שפּעט;
אַלע קלײנע קינדערלעך
ליגן שױן אין בעט.

פֿלי, װינטל פֿלי,
פֿלי צו יעדן גריל;
זאָג, אַז קינדער שלאָפֿן שױן —
מוז מען שװײַגן שטיל.

פֿלי, װינטל פֿלי,
פֿלי אין װאַלד אַרײַן;
זאָג, אַז קלײנע קינדערלעך
שלאָפֿן איצטער אײַן.

פֿלי, װינטל פֿלי,
פֿלי צום טײַך און מיל;
זאָג, אַז קלײנע קינדערלעך
הײסן שװײַגן שטיל.

פֿלי, װינטל פֿלי,
פֿלי צו ימען צו;
זאָג, אַז קלײנע קינדערלעך
דאַרפֿן איצטער רו.

פֿלי, װינטל פֿלי,
ס'שלאָגט דער זײגער אַכט;
פֿלי צו יעדן קינדעלע,
זאָג, „אַ גוטע נאַכט.“

שאַ, װינטל, שאַ,
שטעל זיך אַף די קני,
און דו זאָלסט ניט רירן זיך
ביז אַף מאָרגן פֿרי.

איינס צוויי

נעם צעגויף די פינגערלעך
פון יעדן האַנט אַזוי,
און צייל: איינס-צוויי, איינס- צוויי,
און נאָך אַמאָל אַזוי ביז צען;
און נאָכדעם וועסטו זען —
די פינגערלעך, ווי קינדערלעך,
זיי נייגן זיך, זיי לייגן זיך,
זיי שלאָפן איין —
ווי קינדערלעך, ווי גוטינקע
באַדאַרפן זיין.

דאָס ווינטעלע שפּילט

דאָס ווינטעלע שפּילט,
און דאָס הינטעלע בילט.
לבנה הענגט פריילעך און לאַכט.
די שטערן זיי הערן...
זיי ווערן ניט, ווערן...
און וואָלקענדלעך שווימען פאַרטראַכט.
שפּיל, ווינטעלע, שפּיל!
ביל, הינטעלע, ביל!
איך האָב זייער ליב אַזאַ נאַכט.

שעפּסעלעך

ווי עס שפּרינגען שעפּסעלעך ביים באַרג צופוסן,
שפּילן קינדערלעך אַזוי אַרום דער מאַמען;
און די זון מיט ליבע צערטלט, גלעט און וואַרימט
שעפּסעלעך און קינדערלעך צוזאַמען.

ווי עס שלאָפן שעפּסעלעך רואיק, זאַט און מיד,
אויסגעקושט פון זון און ווינט פאַרוויגט,
שלאָפן אויך די קינדערלעך רואיק, זאַט און מיד
פון אַ ליבער מאַמען איינגעוויגט.

איך וויל ניט אַזוי גיך זאָל ווערן נאַכט

איך וויל ניט איצטער שלאָפן, מאַמע, ניין!
וואַרט, שפּעטער אפשר, שפּעטער וועל איך גיין;
דו זעסט דאָך, איך האָב אַרבעט אַזוי פיל:
די פּאַטשערקעס צעשאָטן אַפן דיל.

די בילדער דאַרף איך איינקלעפּן אין בוך,
איין ליאַלקע מוז איך אָנטאָן נאָך אַ שוך;
אַ צווייטע דאָרט פּאַרגייט זיך אין געוויין —
ווי קען איך איצטער לאָזן זי אַליין?

אַרבעט, שפּילערייען אַזוי פיל —
איך האַלט דאָך ערשט אין רעכטן מיטן שפּיל!
איך וויל ניט אַזוי גיך זאָל ווערן נאַכט —
וואַרט נאָך אַ ביסל, מאַמעלע, זע וואַרט!

יעדן אָוונט

יעדן אָוונט, ווען די זון פאַרגייט,
עפנט זיך אַ טויער שטילערהייט;
עמיץ קומט אַרויס מיט ווייכע טריט
זינגענדיק אַ שטילע אָוונט-ליד.

ס'מוז געווים אַ גרויסע מאַמע זיין,
נעמט זי גאָר די וועלט אין שוים אַריין;
פייגעלעך און ווערעמלעך און מיך
קושט זי און זי גלעט און דריקט צו זיך.

גרויסע בערג אוןביימער דעקט זי צו
מיט אַ בלויען שלויער, ליוליע-ליו...
ליולינקע אין אויער רוימט זי יעדן איין,
ווען זי נעמט די גאַנצע וועלט אין שוים אַריין.



אינהאלט

I

אזא מאָנטשיק מיידעלע

ביאגראפיע פון רבקה גאלין — 5
אַ מאָנטשיק מיידעלע — 9
טוק — טוק — 10
אַ פינגערל — 11
אַ קעצעלע — 12
איך וויל גיין אַ באָרוועסע — 13
אַלע פיר — 13
אַ בוך — 14
פול מיין דאַך — 14
איך האָב ליב — 15
דו, דו אוידעלע — 15
אַ וואונדער שפיגל — 16
קויף ביליג — 17
דאָס קראַנקע קינד — 18
אַ זון און אַ רעגן — 19
פינף קליינע הינדעלעך — 20
אוידעלע — 21
עכאָ — 22
שבת — 23
מיין ליאַלקעלע בערטע — 24
חרטה — 25
רעגן — 26
פריידל — 27
ווי אַמאָל — 27
קלאַנגען — 28
מאַמע איז אוועקגעפאָרן — 29
שנייעלעך — 30
פאַרבן — 31
מאַמעס שוים — 33
דער ווינט — 34
טויבעלעך — 35
איך וויל זיין אַ לערערן — 36
וואָלקנס — 37
גענז — 39
פרילינג איז אַ ליבער — 41
ביזט קלוג און ביזט שיין — 42
שעפעלעך צוויי — 43
אַ בוים — 43
שטויט אַ מיידעלע — 44
מיין באָבעלע — 45

II

אַ אינגעלע

אַ אינגעלע — 47
שמעון — 48
אַ גוט קינד — 49
אַזאַ שוינער טאָג — 50
אַ טייכל — 51
צו אַ שמעטערלינג — 51
אַפּן פּאַרם — 53
איך וואָלט זיין דער ווינטער — 54
איך טויג צו גאָרנישט — 55
פּורים — 55
דוד איז אַ נאַר — 56
שדים — 57
צוויי אינגלעך — 58
דער פּוילער — 59
אַרויסגעוואָרפענע — 60
ווינטי — 61
מיין סאָר — 62
אַ שטורם — 62
טאַטע־מאַמע — 63
אליהו הנביא — 64
איך בין שוין אַ גרויסער — 65
מיין טייערע קינד — 66
ווינטער — 67
לייזערס צרות — 68
פּויגל, פּויגל, פּויגעלע — 70
העי, העי, וואו ביסטו ערגעץ שניי — 71
איך וואָלט וועלן — 71
אַ שרעקלעכע מעשה — 72
אַ חלום — 74
פליען פּויגעלעך — 76
אַ שטיבעלע פון שניי — 77
יודעלע — 78
יום־טום אינדערוואָכן — 79
פון אַן עמער וואַסער — 80
בת נאַשער — 81
דער אידל מיט דער פידל — 83
אומרו — 84
פּחד — 84
אַמאָל פאַרטראַכט איך זיך — 85
ווי גוט עס וואָלט געווען — 86
מיין גרויסער ברודער — 87
בייער זמן — 87

III
ערגעץ ווייט

קינדער — — — — — — — — — — 88
ערגעץ ווייט — — — — — — — — — 89
עסקימאָסן — — — — — — — — — 90
יאַפּאַן — — — — — — — — — — 91
אפריקאנער קינדערלעך — — — — — — — 92
אַ נעגערל — — — — — — — — — 93
טשינג־טשאַנג־טשו — — — — — — — — 94
אין ליטע — — — — — — — — — 95
אין דעם לאנד פון מילך און האָניג — — — — — — 97
אַ אינגעלע פון תימן — — — — — — — — 98

IV
דער באָבעס מעשה׳לעך

מיין באָבעלע — — — — — — — — — 99
אַ ציגעלע אַ ווייסע — — — — — — — — 100
אַמאָל און אַמאָל — — — — — — — — 102
דער ערשטער שניי — — — — — — — — 104
גליק — — — — — — — — — — 106
דאָס אינגעל און די קאַץ — — — — — — — 110
מען זאָגט — — — — — — — — — 112
דער אלטער שלמה — — — — — — — — 112
שוועסטערלעך — — — — — — — — — 113
טייבעלען — — — — — — — — — 115
פרילינג — — — — — — — — — — 117

V
אַליע ליו ליו

אַיליע־ליו־ליו — — — — — — — — — 119
בלימעלעך און פּערעלעך — — — — — — — — 120
ווען מיך טרעפט — — — — — — — — 121
סילוועץ — — — — — — — — — — 122
קינדער — — — — — — — — — — 123
ס׳עופּעלע — — — — — — — — — 124
לייבעלע — — — — — — — — — — 125
איין פּאָר שיך — — — — — — — — 126
אַזאַ ברעקל — — — — — — — — — 127
קאַראַפּוזיק — — — — — — — — — 128
זומער — — — — — — — — — — 129
זייפנבלאָזן — — — — — — — — — 131
איך וואָלט וועלן — — — — — — — — 131
דאָס קינד — — — — — — — — — 132
אַ מיידעלע — — — — — — — — — 133
איך ווייס אַזאַ וועג — — — — — — — 134
סוף זומער — — — — — — — — — 135
דאָס אייביגע ליד — — — — — — — — 136

VI

אַ גוטע נאַכט

אַ גוטע נאַכט — — — — — — — — — 138
דער מלאך פון שלאָף — — — — — — — — 139
באַנאַכט — — — — — — — — — — — 140
פייער פליגעלעך — — — — — — — — — 141
די מאַמע רופט — — — — — — — — — 142
אויפן פרישן קבר פון מענדעלע מוכר ספרים — — — — 143
עס טרעפט אַמאָל — — — — — — — — — 144
שלאָף — — — — — — — — — — — 145
אַ ווינטער נאַכט — — — — — — — — — 146
אַרום איז שטיל — — — — — — — — — 147
ווער? — — — — — — — — — — — 148
פאַרטאָג — — — — — — — — — — — 149
אינדערפרי — — — — — — — — — — 149
דערציל זשע מיר אַ מעשה'לע — — — — — — 150
פלי, ווינטל, פלי — — — — — — — — — 151
איינס צוויי — — — — — — — — — — 152
ראָס ווינטעלע שפילט — — — — — — — — 153
שעפסעלעך — — — — — — — — — — 154
איך וויל ניט אַזוי גיך זאָל ווערן נאַכט — — — — 155
יעדן אוונט — — — — — — — — — — 156

צווייטער טייל

לידער און דערציילונגען

לידער

דאָס צויבער לאַנד

ס'איז אימיצער פון ערגעץ געקומען,
גענומען מיין האַנט.
געפירט מיך דורך פיינלעכע וועגן,
געבראַכט צו אַ לאַנד.

ביים גרענעץ פון גאָט און פון מענשן,
דאָרט הייגט אַזאַ בריק.
דאָרט מישט זיך די העכסטע פאַרצווייפלונג
צוזאַמען מיט גליק.

דאָרט לעבט מען דורך טויזנטער יאָרן
אין קורצן מאָמענט,
דאָרט האַלט מען דעם פייער פון לעבן
מיט נאַקעטע הענט.

מיין שרה׳קעלען

ווען איך וועל ניט זיין

אין עקסטאַז, אין פרייד, דערמאָן מיך שטילערהייד,
ניט פאַרגעס אָן מיר.
אין רגע פון געפאַר, אין אַ שעה פון צער
וועל איך זיין מיט דיר.

כ׳וועל קושן דיין געזיכט, אין פרימאָרגן ליכט,
אין לבנה שיין.
כ׳וועל היטן דיין געמיט, מיט שטילע, שטילע טריט,
וואו דו זאָלסט ניט זיין.

ווי ציטערדיגער קלאַנג, ווי תפילה, ווי געזאַנג,
ווי אַ חלום נאָר,
וועל איך מיט דיר זיין, טייערע דו מיין,
שטענדיג אַפ׳ן וואָר.

אין רגע פון געפאַר, אין אַ שעה פון צער,
רוף מיך שטילערהייד.
און ווי אַ ווידער־קול וועל איך אַלע מאָל
ענטפערן מיט פרייד.

אויפ׳ן ראַנד

אויפ׳ן ראַנד פון הויכע פעלזן
שווינדלט מיר דער קאָפּ.
אויך אַזוי פון דיינע בליקן,
קוק ניט מער, לאָז אָפּ!

דיינע אויגן וואָלקנס שוואַרצע,
מיינע זיינען בלוי,
דיינע אויגן פלאַמן פייער,
מיינע — קילער טוי.

הימלען בלויע, וואָלקנס שוואַרצע,
מישן זיך צענויף;
וועט געווים אַ שטורם קומען,
קוק ניט מער, הער אויף!

עס איז מיר ליב

עס איז מיר ליב איעדע זאַך,
וואָס נאָענט איז צו דיר.
עס איז מיר ליב צו גיין פאַרביי
דיין פענצטער און דיין טיר.

עס איז מיר ליב צו אנרירן
דיין מאַנטל און דיין הוט,
און פילן רויטע שדים׳לאך,
פון דיר צו מיר אין בלוט.

עס איז מיר אויך אפילו ליב
דיין אייפערזיכטיק ווייב,
וואָס שטעכט מיך דורך מיט יעדן בליק,
ווי שפּיזעלאך אין לייב.

עס איז מיר ליב איעדע זאַך,
וואָס נאָענט איז צו דיר,
און איך אַליין בין ליבער מיר,
ווען איך בין לעבן דיר.

מיינע טעג...

איך האָב ביז איצט געהאַט אַ וועג, אַ ציל,
וואָס איז געווען באַשטימט און גלייך.
די טעג מיינע געפלאָסן זיינען שטיל,
ווי ס'פליסט אויף געלע שטיינדעלעך אַ טייך.

ביז דו האָסט מיט דיין קינדערישן חן,
צערודערט אַלע מיינע טעג,
ווי ס'רודערט זיך אַ טייכל פון אַ שטיין —
געוואָרפן פון אַ אינגל פונם ברעג.

וואָס דאַרף איך מער?

ווי קינדערלעך, וואָס ברעכן אַלץ אין שפּיל,
און פרייען זיך נאָר הערנדיק דעם קלאַנג,
צעברעכסטו מיך ווי אַ שפּילצייג אָן געפיל,
און פרייסט זיך ווי אַ קינד, מיט מיין געזאַנג.

כ׳וועל גערן זיין דיין שפּילצייג, אַז דו ווילסט,
כ׳וועל זינגען ביז איך זע ביי דיר אַ טרער,
דערנאָך קענסטו זיך שפּילן, אַז דו שפּילסט,
אַ שמייכל און אַ טרער — וואָס דאַרף איך מער?

קום, מידער . . .

קום, מידער און עלנדער טרוימער,
גענוג שוין דיר וואנדערן, פארן.
א שאָד איז אומזיסט צו פארלירן
די שענסטע, די טייערסטע יאָרן!

דיין פנים איז בלאַס און פאַרמאַטערט,
דיין בליק — פול פאַרצווייפלונג און פיין.
טאָ קום זשע צו מיר און מיר וועלן
צוזאַמען כאָטש עלענט ניט זיין.

איך וועל דיך ניט טרייסטן, ניט פרעגן,
און גאָר ניט פאַרלאַנגען פון דיר,
איך וועל ווי א מאַמע געטרייע
נאָר היטן און ליבן אָן שיעור.

איך וועל דיינע קנייטשן פאַרגלעטן,
דיר קושנדיק ליבענדיק היים,
דו דאַרפסט מיר קיין זאַך ניט דערציילן,
דו ליידסט, און דו ליבסט מיך, איך ווייס...

ניט זאָג מיר . . .

ניט זאָג מיר: איך בין צאַרט און איידל,
און רוף מיך ניט,דיין ליבע, זיסע מיידל.

איך בין ניט מער די רואיקע, די קלוגע,
דו זעסט דאָך : איך בין ווילד — איך בין משוגע.

פאַרשלינג מיך ווי אַ טייבעלע די ים׳ען,
פאַרצער מיך, ווי אַ שטרויעלע די פלאַמען,

צוביים מיך, און צוריים מיר אַלע גלידער,
און איך וועל וויינען און וועל לאַכן ווידער.

איך פלאַטער איבער דיר אַזוי ווי טויבן,
בין גרייט פאַר דיר צו מאָרדן און צו רויבן,

בין גרייט פאַר דיר אין גהנם און אין פייער,
אַזוי ביזטו, מיין טייערער, מיר טייער. . .

גענוג . . .

גענוג צו חלומען, גענוג,
דו ביזט שוין ניט קיין קינד.
עס איז פיל וויכטיקערעס דאָ,
ווי טאַנצן נאָכן ווינט.

עס האָבן זיך, ווי אַלע מאָל,
מיין קאָפּ — און האַרץ געקריגט.
און אויסגעזען, אַז שכל האָט —
מיין נאַריש האַרץ באַזיגט.

נאָר ווי עס לייגט זיך איין אין רו
דער טומל פון דער גאַס,
און די לבנה שווימט אַרויס
עקזאָטיש, דין און בלאַס,

און צינט אַ ביינקעניש אין בלוט
נאָך ווייטע, שטילע, פרייד,—
פאַרגעסט מיין האַרץ, דאָס נאַרישע,
פון שכל אַלע רייד.

און ווי אַ שמעטערלינג צו ליכט
מיין האַרץ גיט זיך אַהויב,
און פלאַטערט אום, ביז גרויען טאָג,
אין לאַנד פון שטערן שטויב . . .

אפילו טויט . . .

ווילסטו יאָ, צי ווילסטו ניט,
דו גייסט אוים נאָך מיינע טריט.

כ'בין די שאַרף פון אַ קינזשאַל,
נאָר דו זוכסט מיך ווי אַ שטראַל.

כאָטש איך שנייד דיר איין ביז בלוט,
שעפּטשעסטו: „עס איז מיר גוט.”

און דו בעטסט זיך נאָך: „פאַרגיב,
פייניק מיך, נאָר האָב מיך ליב.”

שמייכל איך און איך בין גרייט:
וואָס דו ווילסט — אפילו טויט.

די אויגן דיינע . . .

עס איז מיר שווער צו זיין פאַרשטעלט
און נאַרן זיך און גאָר די וועלט,
און אירצן דיך, און ניכטער זיין —
ווען שיכור בין איך ווי פון וויין.

ווייל יעדער אבר מסר'ט מיך,
עס ברענט מיין ליבּ און ציט צו דיר.
די אויגן דיינע — מוסרים צוויי
פאַרצערן מיך, ווי זון דעם שניי.

מיר דוכט, אַז יעדער קוקט מיך אָן,
אָט ווער איך בלאַס, אָט רויט ווי מאָן.
מיין יעדער אבר, יעדער גליד,
זינגט אויס פאַר דיר מיין זינדיק ליד.

גליק . . .

עס זיינען מענשען קלוגע דאָ,
וואָס שטענדיג נאָר זיי טרויערן,
זיי זאָגן גליק איז גאָר ניטאָ —
אויב יאָ, איז ניט צום דויערן.

וואָס אַרט עס מיר, אַן אייביקייט —
צי איין און איינציגע מינוט ?
איך וויים נאָר איינס: וואו דו ביזט דאָ,
איז גליק פאַראַן, און דאָ איז גוט.

דיין אויג איז ווי אַ ברונעם טיף,
לאָז איך אַראָפּ זיך אין דיין בליק
און שעפּ און טרינק, און אַף צוריק —
קום איך אַ פולינקע מיט גליק.

אין דיין חלום

דורך די טעג ביזטו פֿאַרנומען
מיט די וואָכעדיגע זאָרג
נאָר די נעכט און די חלומות
באָרג מיר, ליבער, באָרג.

וועל איך דורכגיין אין דיין חלום
ווי אַ זומער וואָלקן קלאָר,
ווי אַ מיידל פֿון לבנה
מיט צעלאָזטע, בלאָנדע האָר.

וועסט מיך יאָגן, וועלן כאַפּן,
וועלן צוציען צו זיך,
נאָר וועסט עפֿענען די אויגן
און שוין ניט געפֿינען מיך.

וועסטו ליגן מיט אַ שמייכל,
און מיט ליבשאַפֿט אין דיין בליק...
מיט מיין נאָמען אַף די ליפּן
זאָלסט נאָר איינשלאָפֿן צוריק.

„ליבע״

איך שעם זיך צו ריידן פון „ליבע״,
עס קלינגט שוין כמעט ווי וואולגאַר,
נאָר דאָס, וואָס איך פיל, איז גאָר אַנדערש —
ניטאָ נאָך קיין נאָמען דערפאַר.

דאָס וואָרט איז פאַראַן נאָר אין הארצן,
עס זינגט און עס פינקלט אין מיר,
עס לויכט ווי אַ טרער, ווי אַ פּערל,
ס׳איז שטאַרקער פון מיר און פון דיר.

דערפאַר לאָמיר איצט גאָרניט ריידן.
דאָס שווייגן רעדט מער ווי די רייד.
ס׳איז טיפער ווי פינסטערע ליידן,
ס׳איז העכער פון ליכטיקער פרייד.

ווי אַ חלום...

ווי אַ שיינער צאַרטער חלום
האָסט זיך אַריינגעוועפּט
אין מיין יעדן גליד.

דו ביזט געווען די העלע בלויקייט
פון מיין אויג,
דער פרייידיקער געלעכטער, וואָס האָט געשטראָמט
ווי דער פולער זינגעדיקער טייך אין פרילינג.

און איצט ווען איך בין שטום,
און מיין אויג איז וויסט און לער,
און דו ביזט שוין אויך ניטאָ דאָ מער,

קלעטער איך נאָך אַלץ
צו דער בלויער צאַרטקייט פון דיין הויך —
צו דער הויך פון מיין ניט דערחלומט חלום.

און כאָטש אַלץ איז מיר דאָ פרעמד, וויסט און גראָ —
דוכט מיר אַלץ — דו ביזט נאָך דאָ...

נאָך טייערער . . .

איך וויל דיר ווערן נאָענט
ווי דיין לייב,
נאָך טייערער און ליבער
פון אַ ווייב.

איך וויל זיין ביי דיר אפילו
אין דיין שלאָף,
דער עיקר, און דער אָנהויב,
און דער סוף.

איך וויל צו דיר אין יעדן
נערוו אַריין.
און דעמאָלט וועל איך אפשר
רואיק זיין.

וואָס דאַרפסטו פראַזן

וואָס דאַרפסטו פראַזן — פלוידערזאַק,
פון הימל בלוי און טוי?
נעם ווערטער פראָסטע — פשוטע
און שרייב איר אָט אַזוי:

שרייב: „טייערע, איך קען ניט מער,
איך קען אָן איר ניט זיין,
איך שלאָף ניט מער, איך עס ניט מער,
מיין טייערע — כ׳גיי איין.״

און קומען וועט זי אַף געוויס
גלייך מיט דער ערשטער באַן;
און דו וועסט זיין דער גליקלאַכער
און אויך דער שטאָלצער מאַן.

„און אויב דו וועסט ניט ענטפערן״ —
איז ענדיק אָט אַ דאַ —
ניין — שרייב נאָך צו: „מיין טייערע,
ס׳וועט זיין מיין לעצטע שעה.״

איך וויל דיר ניט זינגען

איך וויל דיר ניט זינגען קיין לידער,
איך וויל דיר ניט פלעכטן קיין גראַם,
צוזאַמען מיט דיר וויל איך טרינקען
די שכורע פרייד אָן אַ צאַם.

מיך רעגן די האַרבסטיקע ווינטן,
די בוימער אין קופּערנעם שיין.
ווי ס׳רוישן אין שטורם די בלעטער,
מיין בלוט רוישט און שכורט מיך איין.

מיך רייצן די פלאַמיקע פאַרבן
וואָס שפּילן אין שוימיקן וויין,
און דיינער אַ זוניקער שמייכל
פאַלט אויך אין די פאַרבן אַריין.

וואָס טויגן מיר ווערטער און טענער ?
וואָס טויגן מיר מעטער און קלאַנג ?
דער לעבן איז טויזנט מאָל שענער,
און די ביזט דער שענסטער געזאַנג !

איך וויל ניט קיין פערזן און גראַמען,
איך וויל ניט קיין וואָג און קיין מאָס,
כ׳וויל יאָגן ווי ווינטן אַף ימען,
כ׳וויל טרינקען אַ כוס נאָך אַ כוס !

עפן מיר

איך בין געווען ביי דיין טיר
איך האָב געשעפּטשעט: עפן מיר.
איך האָב אריינגעקוקט אין שויב,
איך האָב געוואָרקעט ווי אַ טויב.

דו האָסט מיין רופן ניט געהערט,
דו ביזט געווען טיף פאַרקלערט,
כ'האָב, טייערער, דערקענט אין דיר:
דו האָסט געקלערט דאָן נאָר פון מיר.

איך האָב מורא . . .

איך האָב מורא פֿאַר דיר, פֿאַר דיין ליבע,
עס שרעקט מיך דיין גליענדער פֿלאַם,
געעפֿנט האָסטו מיט דיין קושן
אַ טיפֿן אַ ברויזנדן ים.

איך ציטער פֿאַר דיר מיט דיין שמייכל,
דו ליבסט ניט, ווי איך אַזוי היים,
דו ביזט גאָר אַ שקלאַף פֿון דער פֿרייהייט,
היינט ליבסטו און מאָרגן ווער ווייס?

אַ שאָד מיינע יוגנט חלומות,
זיי זיינען צו רייצנד, צו ריין,
זיי וועלן דאָרט שרעקעדיק אויסגיין
אינ'ם הפקר'דיק לעבן אין דיין.

קוש מיך . . .

קוש מיך, דריק מיך, שטאַרקער, הייסער,
פלאָג מיך ניט מיט פראַגן פיל,
כ׳וויל ניט גריבלען און ניט צווייפלען:
ס׳לעבן איז דאָך נאָר אַ שפּיל.

קוש מיך, קוש מיך, היים געליבטער,
לאָז מיך איינזויגן אין דיר,
העלף פאַרטעמפּן און פאַרטרינקען
דעם ברענענדיקן שמאַרץ אין מיר.

איך וועל צומאַכן די אויגן,
דו וועסט גלעטן מיר די האָר,
וועסט מיר מעשה׳לאַך דערציילן,
איך וועל מיינען, אַז ס׳איז וואָר.

טרוימענדיק וועל איך פאַרזינקען
אין אַ ים פון לוסט און פרייד,
זעסט, ווי וויים עס איז די נאַכט היינט?
הערסט, ווי ס׳זינגט אַלץ שטילערהייט?

בלייב דאָ שטענדיק, היים געליבטער,
כ׳שרעק מיך פאַרט אַליין צו בלייבן;
כ׳קען אַליין דעם שד דעם שווארצן
פון נשמה ניט פאַרטרייבן.

ס׳אַראַ פרייד . . .

ס׳אַראַ פרייד עס איז שפּאַצירן אויסן שטאָט,
יעדער פּנים איז באַלויכטן דאָ פון גאָט,

ס׳אַראַ פרייד, ס׳אַראַ גרויסע פרייד צו זיין,
צו טרינקען די פרימאָרגן לופט ווי וויין.

צו אנקוקן דעם מזרח רויט צעברענט,
צו אָנרירן די הימלען מיט די הענט,

די טריט מיינע, די זינגענדיקע טריט,
באַרירן גאָר די ערד אפילו ניט.

די גאַנצע וועלט איז ליב גאָר אָן אַ ברעג,
ס׳ווילט זיך קושן יעדן פרעמדן אפן וועג...

אַ זומער נאַכט

עס איז געווען אַ זומער נאַכט,
און טענער רייצנדע אַ פּראַכט
אין לופט האָבן געשפּילט.
האָב איך אַ שיכורע פון גליק, —
נאָר אין איין קורצן אויגנבליק
דיין נאָענטקייט דערפילט.

דו האָסט צו מיר גאָר ניט גערעט,
מיט ציטער נאָר, ווי אין געבעט,
זיך איינגעקוקט אין מיר.
אי װאַרימקייט, אי פריידי, אי רו,
און פרייד און האָפנונג דערצו
האָסטו געבראַכט מיט דיר.

איז דאָס געווען אַ חלום נאָר ? —
צי אפשר טאַקי אָפּ'ן וואָר ? —
ניט פלאָג מיך און ניט פרעג,
נאָר קום כאָטש, קום אין חלום נאָר
וועלן לייכטער זיין מיר אָפּ'ן וואָר
די אומעטיקע טעג.

אַ כשוף - נאַכט

גיי ניט היינט ביינאַכט אַרויס,
בעסער זיץ, מיין קינד, אין הויז.

עפּעס איז אין לופט פאַראַן,
וואָס עס איז געווען אויך דאַן.

אַזאַ ווילדע כשוף-נאַכט
האָט משוגע מיך געמאַכט.

שטערן פאַלן מיר אַראָפּ,
שטראַלן קושן מיר דעם קאָפּ.

און די לופט איז שיכור-זיס,
ס׳חלשן די הענט און פיס.

הימל טוליעט זיך צו דר׳ערד.
ס׳בלאַנקט לבנה ווי אַ שווערד.

אַזאַ נאַכט, פונקט אַזאַ נאַכט,
האָט משוגע מיך געמאַכט.

דיין ליבע

עס האָט מיך דיין ליבע דערשראָקן, —
איך האָב ניט דערוואַרט אַזאַ פּלאַם.
אַזוי האָב איך אויך זיך דערשראָקן,
אַלס קינד ביי דעם אָנבליק פון ים.

עס האָט מיך דיין ליבע געפּייניקט,
און ווי געטאָן מיר ביזן בלוט,
איך פיל, אַז פון פּיין וועל איך אויסגיין,
נאָר אויסגיין פאַר דיר איז מיר גוט...

אומעטיק, ליבער . . .

ס׳איז אומעטיק, ליבער
ווען דו ביזט ניטאָ.
און לאַנג איז אַ רגע,
ווי הונדערטער שעה.

אין זאַל איז אַ טומל,
מען רייכערט, מען לאַכט,
איך זיץ אין אַ ווינקל,
בין מיד און פאַרטראַכט.

די וויצן דערעסן —
אָן טעם און אָן זין,
עס זשומעט אין אויער
אַזוי ווי אַ בין.

איך פיל אַזאַ אומרו,
אַ כעס, אַ פאַרדראָס,
עס ווילט זיך מיר וויינען,
איך ווייס ניט פאַרוואָס.

נאָר פלוצים דערהער איך
דיין טראָט און דיין קול,
עס לויכט ווי אין כשוף
דער זאַל מיט אַמאָל.

די מענשן, זיי ווערן
מיר ליב אָן אַ שיעור,
כ׳וואָלט יעדן געקושט
נאָר כ׳שעם זיך פאַר דיר.

איך הער אוים מיט חשק
רכילות און רייד,
טעאַטער און ליבע
און מאָדע און קלייד.

אַלץ ווערט אַזוי וויכטיג
און אַלץ אַזוי טיף;
דיין שמייכל טרעפט מיינעם,
איך לאַך און איך שטיף.

זייריידן, זיי לאַכן,
איך טומל מיט זיי
פון נעכטיקע טעג,
פאַראַיאָריקן שניי.

ווי צייטיקע זאַנגען
איז פול יעדער שעה,
ווען דו ביזט, מיין ליבער,
מיין טייערער, דאָ.

דער פּרינץ

ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען,
האָב איך געגלויבט: עס וועט געשען.

צי דורך אַ נס, צי גלאַט אַזוי,
צי דורך אַ איד, צי דורך אַ גוי,

ווייל קומען וועט ער סאַי־ווי־סאַי
און ליידן, וואַרטן איז כדאי —

ווייל מיט אַ שיף, צי מיט אַ באַן,
נאָר קומען וועט אַן אדלמאַן,

וועט עפענען גאַלאַנט די טיר
און צוגיין וועט ער גלייך צו מיר,

און טרייסטן מיך מיט גוטע רייד
און קושן מיר דעם זוים פון קלייד,

און קוקן מיר אין אויג אַריין,
און לעזן דאָרט מיין צער און פּיין.

ער'ט זאָגן, אַז עס טוט אים באַנג,
וואָס ניט געקומען איז ער לאַנג.

ער וועט מיר ברענגען גרויסע פרייד
און רעדן וועט ער שטילערהייד:

„עס איז אַ טעות דאָ געווען,
עס איז געווען אַ גרוים פאַרזען.

האָסטו אַליין דען ניט דערקענט,
אַז דו מיט דיינע ווייסע הענט

שטאָמסט פון אַ קעניגס בלוט אַרוים?
אַז דאָ איז ניט דיין היים, דיין הויז?"

ער'ט אָנטאָן מיך אין גאָלד און זייד
און פירן מיך אין ערגעץ ווייט

מיט דינסטן, דינער אָן אַ צאָל,
אין שענסטן פּאַלאַץ פון קרישטאָל.

און פאַר מיין צער און גרויסן פּיין
וועל איך שוין איצט פּרינצעסין זיין.

נאָר ס'פליען טעג און יאָר נאָך יאָר,
עס ווערן זילבער מיינע האָר.

איך וואַרט און האָף פון שעה צו שעה,
נאָר ער, מיין פּרינץ, איז אַלץ ניטאָ...

מען לאַכט פון מיר: דו נאַר, פאַרגעס!
ווי קען דאָס קומען אַזאַ נס? —

נאָר כ'ווייס געווים: ער איז אין וועג
און קומען מוז ער אָט די טעג.

ווייל ס'קען ניט זיין, אַז גלאַט אַזוי
זאָל איך ווערן אַלט און גרוי,

און פרעמדע זאָלען זען מיין צער
און מאַכן מיך גאָר פאַר אַ נאַר.

ס'וועט קומען אימיצער געווים,
און קושען מיר די הענט און פים.

איך ווייס באַשטימט: צי שפּעט, צי פרי
ער'ט מוזן פאַלן אויף די קני,

און ברענגען מיר די גרויסע פרייד,
און טרייסטן מיך מיט גוטע רייד,

און זאָגן מיר: עס טוט אים באַנג,
וואָס ניט געקומען איז ער לאַנג...

דו ביסט מיין פרייד . . .

דו ביסט מיין פרייד, מיין ווייסע פרייד.
פון דיינע יום-טוב׳דיקע רייד —

עס שפּרייט זיך יום טוב אין מיין האַרץ,
ווי ווייסער טול אויף סאַמעט שוואַרץ.

טאָ קום אַהער, און זעץ זיך צו,
און וויג מיך איין אין ים פון רו,

אין ים פון שטילע, גוטע רייד,
מיין פרייד, מיין פרייד, מיין ווייסע פרייד!

קום זעץ זיך צו אָט דאָ בא מיר
און נעם דיין צער אַריין צו דיר.

פון ווייסע פרייד און שוואַרצע פּיין
וועט היינט בא אונז א יום טוב זיין.

און יום טוב פינקלט ליכטיק, העל,
ווי פּיצלאַך זונען אף מיין שוועל.

פרילינג פיבער

ווי עס רוישט דער טייך דער בלויער
אונטער דינעם פרילינג אייז,
אַזוי רוישט מיין בלוט אין פרילינג,
אַזוי רוישט די פרייד און טרויער

עפּעס וואַרט איך מיט אַ ציטער
ווי עפּעס איז מיר היינט באַשערט:
וועט עס זיין אַ גליק אַ גרויסער,
צי חלילה, גאָר פאַרקערט?

כאָטש מיין שכל זאָגט מיר דייטלאַך —
אַז קיין נס וועט ניט געשען,
בלייבן וועט מיין גרויער לעבן
וואָכעדיג, ווי ס'איז געווען.

נאָר אין אומרו, ווי אין פיבער,
שפּרייט זיך און עס רעגט מיין בלוט,
און מיט קלאַפּעניש אין האַרצן
וואַרט איך יעטווידער מינוט.

וואַרט איך ווי אַ הירש אַ גרייטע,
ווי אַ יונג דערשראָקן האָז,
מיט די נאָזלעכער צעשפּרייטע,
לויפן איבער פעלד און גראָז

מיין גאָרטן

עס האָט געבליצט, געשטורמט לעצטע נאַכט,
איך האָב מיט שרעק פון גאָרטן אַלץ געטראַכט,

נאָר ווי דערשטוינט בין איך גאַנץ פרי געוועזן,
ווען כ׳האָב מיין גאָרטן נאָכ׳ן שטורם דאָ דערזען.

דער שטורם האָט מיין גאָרטן ניט געשאַט,
נאָך שענער גרינער איז געוואָרן יעדער בלאַט,

די גרעזעלאַך און בלומען אַזוי שיין,
ווי קינדערלאַך געצוואָגן אַזוי ריין,

און איך אַליין מוז אויך דאָך אַזוי זיין:
דערהויבן ווער איך נאָר דורך צער און פיין,

איך ווער, זאָגט מען, נאָך יעדן אומגליק, יעדן בראָך,
נאָך צאַרטער, ליכטיקער, און שענער נאָך.

און ביי מיין לעצטן שטורם — לעצטן פיין,
וועל איך מסתמא דאַן נאָך שענער זיין;

איך וועל געלייטערט זיין און הייליג — ריין,
און דורכזיכטיג און שיין ווי גאָט אַליין.

מיין מזל

איך לאַך פון דיר, דו נישטיקער!
איך שרעק זיך ניט פאַר דיר,
נו קום, דו בלוטיק שונא מיין,
איך עפן ברייט די טיר.

דאָס ליכט פון טאָג, פון נאַכט די רו
האָסטו גערויבט ביי מיר.
דו האָסט דיין גאַנצן סם און גיפט
אריינגעהויכט אין מיר.

דו האָסט אַרומגעפלאָנטערט מיך
אין ווייטאָק און אין פיין,
וואָס נאָך, וואָס נאָך קענסטו מיר טאָן,
דו, וויסטער מזל מיין?

איך בין געלייטערט, איך בין שטאַרק
כ׳בין העכער איצט פון דיר.
איך לאַך פון דיר, דו נישטיקער!
איך עפן ברייט די טיר.

אין דער נאַכט . . .

אַרום איז אויסגעשפּרייט די נאַכט,
און אַלץ הילט זי אין שאָטנס איין.
און יעדער שאָטן וועקט אַ שרעק,
ווייל שוואַרץ ווי זיי איז ס'לעבן מיין...

און שטיל איז אין מיין צימער שטיל,
עס דרעמלט איין די וועלט און שלאָפט,
מיין זעל נאָר ווייס ניט פון קיין רו, —
עס פלאַטערט אַלץ און בענקט און האָפט...

איך ווינש . . .

אָט ליג איך אין דרייען געדרייט
און רואיק וואַרט איך אָפן טויט,
פאַרוואָרפן, פאַרלאָרן, ענטוישט,
און מיד פון דער ביטערער נויט.

איך ווינש נאָר איין זאַך, אַז ניט לאַנג
זאָל ציען דער יאוש און פיין,
וואָס שנעלער, וואָס גיכער אַ סוף,
אַן ענדע צום פלאָגן זאָל זיין!

סאַן פראַנציסקאָ, קאַל., 1915

שמייכל איך...

שמייכלט יעדערער אַזוי,
ווען ס'איז וואויל און גוט,
שמייכלען קען מען אַט אַזוי
אויך מיט סם און בלוט.

אַזאַ שמייכל קומט אַרויס
ווי אַן אָפן וואונד;
שמייכלט מען אַמאָל אַזוי
פֿאַלנדיק צום גרונט.

פֿאַלן מוז איך סיי ווי סיי
ווייל צוריסן יעדער בונד...
שמייכל איך מיר אוים אַ ליד,
פֿאַלנדיק צום גרונט.

איך בין צופרידן...

איך בין צופרידן, גוטער גאָט,
וואָס דו האָסט מיך באַגליקט;
ווי בלומען בלעטעלעך דער ווינט
האָסטו מיין הארץ צעפליקט.

ס'וואָלט ערגער נאָך אַ טויזנט מאָל
מיין לעבן דאָן געווען —
ווען דו וואָלסט גלאַט אַזוי פאַרביי —
אינגאַנצן מיך ניט זען.

די פרייד

עס האָט היינט געטאַנצט פאַר מיר די פרייד
איר לעצטן טאַנץ,
אין פלאַמען שלייערן געהילט,
אין שימער גלאַנץ.

עס איז פאַרגאַנגען היינט מיין זון
אין פלאַמען בלוטיק רויט;
אין פלאַמען אונטערגאַנג איז שיין, —
איז ליכטיק אויך דער טויט.

אויף דער ווייל

אין טראַנטעם מיין קלייד,
און באַרוועסערהייט
אין בעטלער צעריסענעם הילך,
אַזוי שפּאַן איך אום,
און וואו נאָר איך קום,
דערקענט מען אין מיר דעם בן מלך.

פון זון פליק איך אָפּ
אַ קרוין אַף מיין קאָפּ,
דעם גלאַנץ אין מיין אויג פון די שטערן;
איך וואָגל אומזיסט
אויף אָרימן מיסט
אין הונגער, אין פּיין און אין טרערן.

איך בין ניט פון הי,
איך ווייס גאָר ניט ווי,
איך האָב זיך פון ערגעץ פאַרלאָרען.
איך בין אַף דער ווייל
אין שטענדיקן אייל,
פון ערגעץ אין ערגעץ צו פאָרן.

שמייכעלט ערגעץ ווער

שמייכלט ערגעץ ווער,
ציטערט וואו אַ טרער, —
קלייב איך זיי צונויף,
זאַמל איך זיי אויף,

ווערן זיי באַקענט,
גיבן זיך די הענט,
שיינט דער שמייכל מער,
פינקלט מער די טרער;

הערן מיר אַ ליד,
אָט אַזאַ מין ליד. —
ווי עס שמייכלט ווער,
ווי עס פאַלט אַ טרער.

דער טויט

ער איז דאָך פּשוט פראָסט ווי ברויט, —
וואָס שרעקט ער מיך אַזוי דער טויט?
ער שמייכלט דאָך און זאָגט מיר צו
אויף שטענדיג רו, אויף אייביק רו.

ער גייט מיך נאָך און טרעט ניט אָפּ
און שפּרייט זיין שאָטן אויף מיין קאָפּ.
איך לויף אין אַנגסט, איך לויף אַוועק,
ער פילט מיך אָן מיט קאַלטן שרעק.

דאָס לעבן גזל'ט מיר מיין רו
און גאַרנישט, גאַרנישט זאָגט ער צו;
ער פייניגט מיך אויף יעדן טראָט,
באַליידיגונג, איז וואָס ער האָט.

נאָר כ'שלינג אַ יעדן טראָפּן פּיין
גלייך ווי דער שיכּור שלינגט דעם ווייַן.
מיין דורשט צו זיין איז פלאַמיק היים
נאָר ס'לעבן רינט פון האַנט אַרוים.

צו מיין דאָקטאָר

מיין דאָקטאָר איז אי גוט, אי ליב,
און העלפט מיר אין געפאַר,
ער פילט מיט מיינע וויטאָקן,
און טרייסט מיך אין מיין צער.

„רפואות האָב איך דיר געבראַכט,
איך האָב זיי אימפּאָרטירט פון ווייט,
און דאָס וועט זיכער היילן דיר
די שטעכעניש אין זייט.“

— דו גלויבסט אַליין ניט, דאָקטאָר מיין,
אין דיינע גוטע רייד:
דער טויט, דער קאַלטער, גרויזאַמער
ער לויערט שטילערהייט.

— איך פיל זיין קאַלטן אָטעמען,
די קנאָכעדיגע הענט,
די שוואַרצע פליגלען פלאַטערן
אין צימער אויף די ווענט.

—מיט שטאַרע אויגן הונדערטער
דער סוף, דער סוף איז דאָ.
און ווי אַ וואָרים ווער איך קליין —
מיך שרעקט די לעצטע שעה.

— צו קענסטו אימפּאָרטירן מיר
פון אָריענט, פון ווייט,
די חכמה און די רואיקייט
פון אַלטע, גרויע לייט ?

— איך זאָל ווי זיי באַגעגענען
דעם טויט אָן שרעק, אָן פיין,
אַ ליכטיקע, אַ רואיקע,
מיט לידער און מיט וויין.

דו ביזט . . .

דו ביזט מיין צווייטער איך
דער ליכטיקער, דער העלער.
דו ביזט דאָס, וואָס איך וואָלט וועלן זיין
דו הייליגע, דו האַרציגע,
דו איינציגע, דו מיין!

דאָך זיינען מיר איין פלייש, איין בלוט.
מיר זיינען שוועסטער צוויי;
ווען איינע לאַכט — איז ביידן גוט
ווען איינע ליידט, טוט ביידן ווײ.

איך בין דער שאָטן פון דיין ווייכע שטילע ליכט,
איך בין דער שטורם — איך צושטער,
און דו ברייננסט תמיד רו, —
כאָטש דו ביזט איך — און איך בין דו.

איך בין וואַקלדיק און שוואַך
און קלאַמער זיך אָן יעדער שטרוי.
און דו ביזט פעלזן שטאַרק,
און שטאָלץ און הערלאַך שיין,
דו לייכסט און וואַרימסט יעדערן
מיט דיין העלן שיין, מיט זיך אַליין.

דאָך זיינען מיר איין פלייש, איין בלוט
מיר זיינען שוועסטער צוויי,
ווען איינע לאַכט איז ביידן גוט
ווען איינע ליידט, טוט ביידן ווײ . . .

בייטאָג און בייטאַכט

בייטאָג בין איך צעוויטאָקט און צעקלעמט,
עס הויבן זיך ניט טאָן עפּעס די הענט.
שווער איז מיר דער טומל און דאָס ליכט —
פאַרבאָרג איך פון פרימאָרגן מיין געזיכט.
איך האָף נאָר אויף די פינצטערניש און שמאַכט,
אָ, גאָט מיינער, זאָל גיכער ווערן נאַכט!

נאָר ס'וויכט פון מיר אַ גאַנצע נאַכט דער שלאָף,
עס ציען זיך די שעה'ען אָן אַ סוף;
אין פינצטערניש איז פינצטערער מיין פיין,
מיין עלנד קאָן שוין עלענדער ניט זיין.
און ווי אַ קראַנקער הונט ליג איך און קלאָג:
אָ, גאָט מיינער, זאָל גיכער ווערן טאָג!

כ'וואָלט גלויבן כאָטש אין גורל, אין באַשערט,
און וויסן, אַז אַזוי־אַ בין איך ווערט,
איך וואָלט גלויבן אין אַ טייוול אין אַ גאָט,
וואָס פירט אַלץ און וואָס היט מיין יעדן טראָט,
כ'וואָלט קניען און וואָלט בעטן: גאָט פאַרגיב!
די יסורים וואָלט איך אָננעמען פאַר ליב.

נאָר בלאָנדזשען גלאַט, ניט ווּיסנדיק וואוהין,
זיך פּייניגן אָן שכל און אָן זין,
אין הפקר, אין אַ פינצטערן כאַאָס, —
ביז וואַנען און פאַר ווּעמען און פאַרוואָס?
וואו נעמט מען אַזאַ שטאַרקייט אַזאַ מוט
צו אָננעמען די מאַטערניש פאַר גוט?!

פרילינג שטייט אין אָסיען ביי מיין טיר

מיין פרילינג אַ צעטראָגענער ווי איך
געאיילט זיך און געלאָפן איז ער גיך.
נאָר אָנגעקומען איז ער דוקא שפּעט
געטראָפן מיך שוין ליגן אין מיין בעט.

מתנות האָט ער אַלערליי געבראַכט
אי בלימעלאַך, אי שפּראָצונגען אַ פּראַכט.
זיי וועלקן אָבער און זיי גייען איין,
ווי קינדערלאַך אין פיבער און אין פּיין.

זאָג, פרילינג, ביזט משוגע, אָדער וואָס?
עס שפּרייט זיך דאָך אַ פרעסטל אָפן גראָז.
די ביימער שטייען נאַקעט, ווינטן בייז,
וואָס טויג מיר איצטער קנאָספּן פון אַ רויז?

און פרילינג שטייט פאַרלאָרן פאַר מיין בעט
און שמייכלט שולדיק אין אַ שטיל געבעט:
„פאַרהאַלטען האָט שלים מזל מיך אין וועג,
צוטומעלט האָט ער אַלע מיינע טעג.“

דער פרילינג שטייט אין אָסיען ביי מיין טיר
ער שמייכלט און ענטשולדיגט זיך פאַר מיר.
די בלומען מיינע טרעט דער אָסיען ווינט,
און וואָיעט ווי אַ סטאַדע בייזע הינט.

מיין טויב

איך האָב אַ טויב, אַ ווייסע טויב —
געצערטלט בײַ מיין ברוסט,
דעם וועג צו פרייד פון גאָר דער וועלט,
עס האָט מיין טויב געוואוסט.

און איינגעוואַקסן איז מיין טויב.
אין האַרץ, אין פלייש, אין זעל.
און ליכטיג איז מיין האַרץ געווען,
ווי זיבן זונען העל.

און איצט ? מיין טאָג איז פינצטערער,
און שוואַרצער פון דער נאַכט.
און יעדער וועג צו גליק און פרייד
אַף אייביג שוין פאַרמאַכט.

ווייל גראָב און ווילד האָט עמיצער,
מיין טייבעלע צודריקט
צוזאַמען מיט מיין האַרץ, מיין פלייש,
צעריסן און צעפליקט.

כ׳בין פול מיט דיר

כ׳בין פול מיט דיר, מיין איינציק קינד,
מיט יעדן גליד.
איך רעד צו דיר, איך זינג צו דיר,
מיין יעדע ליד.
דיין הענטעלע, איך לאָז ניט אָפּ
אַף איין מינוט.
איך האַלט דיך פעסט, איך בין מיט דיר:
און ס׳איז מיר גוט.
דיין זיסע פּלאַפּלעריי, איך הער
גאַנץ קלאָר, איך הער,
דיין נאָמען אָבער רופן הויך,
דאָס איז מיר שווער.
אנשטאָט דיין נאָמען אפּרייסן
ביי מיר פון ליפּ,
עס רייסט פון האַרצן זיך אַרויס
אַ טיפער כליפּ.
דיין נאָמען ברייגגען אַף מיין מויל
איז שווער — אַ גרויל,
עס שטיקט אַ הייסער צער, עס ווערגט
אין האַלז אַ קנויל.
עס ווערט צערונען מיט אַמאָל
דיין ליב געשטאַלט —
עס וואַקסט אַ קבר אויס אין פעלד,
און מיר ווערט ק אַ ל ט . . . . .

טייבעלען

פונקט ווי איינער אַ פאַרפייניקטער פון הונגער —
קוקט אין פענצטער פון אַ רעסטאָראַן אַריין,
קוקט מיט טרוקענע און פיבערדיקע אויגן,
ווי די רייכע שלינגען פלייש און רויטן וויין.

קוק איך אויך אַזוי מיט הונגעריקע אויגן,
בויג זיך איין צו יעדן קינדעלע אין גאַס.
זע איך מאַמעס גיבן קינדערלאַך צו זויגן —
רוף איך דיר, און מיינע ליפּן ווערן בלאַס.

שטיי איך אָפּט מיט אַלע מאַמעס נעבן שולע
און איך וואַרט אַזוי געדולדיק ביי דער טיר;
מיט אַ טומל לויפן קינדערלאַך אַפולע
און אין יעדן זוך איך ענלאַכקייט צו דיר.

וואַרט איך אפשר וועסטו קומען מיך אַנטקעגן,
אפשר וועל איך הערן נאָך אַמאָל דיין קול,
אפשר וועסטו לאַכן, זאָגן, עפּעס פרעגן,
וועסטו זיך צו מיר טוליען, שמייכלען ווי אַמאָל.

אַז די מאַמעס נעמען קינדער ביי די הענטלאַך
נעמען פלאַפּלדיק און לוסטיק זיך צעגיין,
בלייב איך עלנד אין אַ ווינקל אַ פאַרקלעמטע,
און מיר ווילט זיך ניט אַוועק גיין און ניט שטיין.

נאָר איינס

אַז מען פרעגט מיך: האָסטו קינדער?
יאָ, זאָג איך, נאָר איינס,
כ׳האָב אַ קינדעלע אַ ליבע,
כ׳האָב אַ מיידעלע אַ קליינס.

שרעקן זיי זיך מיינע נאָנטע,
מיינען — איך בין קראַנק,
ווייל זיי ווייסן, אַז מיין קליינע
איז ניטאָ שוין לאַנג.

און איך קען זיי ניט דערקלערן,
אַז זי איז מיט מיר,
ווען עס ווערט מיר אומעטיק
רעד איך דאָך צו איר.

און זי נורעט איין איר קעפּל
אין מיין ליידיק שוים,
און זי קוקט אויף מיר מיט אויגן —
הימלען בלוי און גרוים.

און איך הער דאָך קלאָר איר קולכל:
„מאַמע, זינג אַ ליד“
זאָג איך: „קינדעלע, מיין קליינע,
דו ביזט דאָך מיין ליד.“

רו

אַמאָל וואָלט איך געוואָלט זיך אויפלעזן ווי רויך,
דו זאָלסט מיך זוכן אין דער טיף און אין דער הויך.
דו זאָלסט דערמאָנען מיך און רופן אַלע מאָל
מיט צערטלאַכקייט און ליבשאַפט אין דיין קול.
ניין, יאָ, אודאי יאָ, איך האָב דיך ליב אַזוי,
פון ליבע טוט מיין האַרץ און שפיצן פינגער וויי.
אָן דיר איז גאָר ניטאָ, דער באָדן זינקט אַראָפּ,
דער הימל ברעכט זיך, ברעכט זיך אַף מיין קאָפּ.
איך ליב דיך, טייערער, אַזוי, אַז איך וואָלט געקענט
אי דיך, אי מיך, מיט מיינע ביידע ווייסע הענט —
דערשטעכן גלייך אין האַרץ אַריין... און בלוטיג רויט
וואָלט זיין מיין פרייד... נאָר איך און דו... אין פרייד
און טויט...
ניין, ניין, איך וויל ניט און טאָר דאָ מער ניט זיין!
איך ווער משוגע, העלף מיר, ליבער גאָט, דו מיין!
אַנטלויפן, ווייט גאָר ווייט אין דרום ערגעץ וואו.
און דאָרטן וועל איך אפשר פאָרט געפינען רו
צום שטורם פון מיין האַרץ — צום שטורם פון
מיין פיין.
כ׳וועל וואַרפן אַלץ אין שטורמדיגן ים אַריין.
אַליין זיך אויפהויבן, אַ פויגל, לייכט און פריי...
געבוירן ווערן אפשר אַף דאָס ניי.

***

איך פאָר טאַקע, איך פאָר, די באַן לויפט זייער שנעל,
נו זיי געזונט, ניין, וואַרט נאָך, וואַרט נאָך איין
מינוט...
איך פאָר טאַקע, איך פאָר, די באַן לויפט זייער שנעל,
אָט זיינען מיר אין פינצטערן טונעל.
און אָט איז ליכטיק שוין, און וואַסער ראָזיג בלוי,
דער האָדסאָן הנ׳דלט זיך אַנטקעגען זון אַזוי.

דאָרט לויכט דער שניי אַף שפּיצן בערג, אַף ריזן קעפּ:
דאָ הויבט זיך אָן אַ ווילדע וויסטע סטעפּ.
עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די באַן...
— העי פּאָרטער, נעם דעם טשעמאָדאַן און מיין פּאָרטפעל,
און פיר מיך אין אַ רואיקן האָטעל.

⁂

שטיל, שטיל אָבער אַזוי אונהיימלאַך מאָדנע שטיל.
די קאָרידאָרן לאַנג און טירן פיל,
עס זינקען אין דעם ווייכן טעפיך איין די טריט
ווי פאַר אַ שטורם שטיל — ווי מיין געמיט.
די טיר ביי מיר איז אויך פאַרמאַכט און ברוגז שטום,
עס כאַפּט מיר אַזש אַ קאַלטער גרויל אַרום.
איך ליג אַפּ שטונדן לאַנג די אויגן צום סופיט
מיין בליק הענגט אויף איין פינטעלע אין מיט...
ווי פון בית עולם וואָלט איך קומען איצט צוריק,
ווי טויט וואָלט צוגעכאַפּט דאָס לעצטע ביסל גליק;
איך שריי ניט, נאָר איך שטופּ דאָס קישעלע אין מויל
און קייקל זיך צוזאַמען ווי אַ קנויל.
עס ליגט די שטילקייט ווי אַ חיה דאָ צושפּרייט...
וואָס טויג מיר רו, אַז אומרו גיט אַזויפיל פרייד!
ניין, ניין, דאָס איז דאָך אַ קאָשמאַר אַזאַ געוויים!
באָרים, באָרים, וואו ביזטו דען באָרים?
נעם מיך אַרום און האַלט מיך שטאַרק און קוש מיך אָט אַזוי!
ווי שיין, ווי שיין די שויבן פאַרבן זיך אין בלוי.
ניין, גאָרניט, טייערער, איך האָב זיך גלאַט פאַרטראַכט
און ניט באַמערקט ווי שנעל עס איז געוואָרן נאַכט...

דער שוואַרצער טויט מיט בלאַנקן שווערד

דער שוואַרצער טויט מיט בלאַנקן שווערד —
ער שטייט איבער מיין קאָפּ,
איך קוק אים אָן און שמייכל דרייסט —
ער לאָזט זיין שווערד אַראָפּ.

דער שוואַרצער טויט מיט בלאַנקן שווערד —
ער איז שוין ווידער דאָ;
איך קוק אים אָן און זינג מיין ליד —
ער גיט מיר נאָך אַ שעה.

דער שוואַרצער טויט מיט בלאַנקן שווערד —
ער פילט מיך אָן מיט שרעק.
ער הערט מיין ליד, מיין בלוטיק ליד,
און לייגט זיין שווערד אַוועק.

ער חברט זיך אַצינד מיט מיר,
ער וואַרט דאָ ביי מיין טיר.
זיין שווערד ליגט ביי מיין האַרטן שוועל —
ער זינגט מיין ליד מיט מיר.

אין מיטן שמחה

אין מיטן שמחה פריילאַכן געשריי
לעשט אימיצער די לאָמפּן אויס,
און טרייבט אונז ערגעץ אַלעמען: גיי, גיי,
אין נאַכט אין פינצטערניש אַרויס.

די שכנים מיינע זיפצן אָפּ,
און לאַנגזאַם לאָזן זיי זיך גיין,
ווער מיט אַ שטאָלצן שמייכל, הויך דעם קאָפּ,
און ווער מיט שרעק און שטיל געוויין.

פיל נעמען אָן ווי אַ פאַרדינטע שטראָף
און גייען פרום, און שטיל, ווי שאָף,
און אַנדערע, זיי גייען מיט אַ שפּאָט,
מיט גאַל און מיט אַ פלוך צו גאָט.

עס רוישט דער וואַלד ווי אין אַ שטיל געוויין,
עס יאָמערן און קלאָגן ערגעץ הינט,
איך בלייב אַליין, אין פינצטערניש — אַליין,
מיט אויגן גרויס פון שרעק ווי ביי אַ קינד.

איך קלער נאָך אַלץ: איז אפשר דאָס אַ שפּאָס? —
איך וויים נאָך ניט געננוי אַליין
פון שרעק צו לאַכן, אדער זיין אין כעס,
צי אויספּלאַצן אין אַ געוויין?

איך וואַרט זיי זאָלן קומען, כ׳וויל זיי זען
נאָך פריילאַכע און שיכורע פון גליק,
נאָר ס׳איז אפנים ניט קיין שפּאָס געווען —
ס׳קומט קיינער ניט פון דאָרט צוריק.

עס הוידעט זיך די גאַנצע וועלט

איך האָב די נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט,
ס'האָט אימיצער געוויינט, און האָט געלאַכט,
ס'האָט אימיצער גערעדט אַליין צו זיך
און אפשר איז דאָס גאָר געוועזן איך.

די טעג בין איך פאַרחלם'ט און פאַרטראַכט,
די נעכט זיינען, ווי טויזנט און איין נאַכט.
אָט הערש איך, ווי אַ קיניגין אין לאַנד,
אָט שטרעק איך ווי אַ בעטלערין די האַנט.

ס'האָט אימיצער מיין האַרץ געטאָן אַ ריר
און ס'הוידעט זיך די גאַנצע וועלט מיט מיר.
איך וויג זיך אָן אַ באָדן, אָן אַ דאַך,
אָט וויין איך, און אָט זינג איך שוין און לאַך.

איין רגע בין איך פול מיט זיסער פרייד,
אַ צווייטע איז מיר ביטער ווי דער טויט.
עס האָבן זיך צורודערט מיינע טעג
ווי שעפּסעלאַך פאַרלאָרענע אין וועג.

ס'האָט אימיצער די טעג מיינע פאַרטראַכט,
ווי מעשה'לעך פון טויזנט און איין נאַכט.
ס'האָט אימיצער מיין האַרץ געטאָן אַ ריר
און ס'הוידעט זיך די גאַנצע וועלט מיט מיר..

שרה׳קעלען

אונזערע וועגן . . .

ס׳האָבן זיך אונדזערע וועגן צעשיידט,
שוועסטערל, האַרציקע מיינע.
מיך — האָבן האָפנונגען, ליבע באַגלייט,
דיך — די מרה שחורה דיינע.

פריידיק וואָלט איך איצט, מיין ליבע,
זיך מיט דיר געביטן.
קיינער האָט נאָך אויך אין גיהנם
מיינע אַנגסטן ניט געליטן.

רעדן האָב איך ניט געקענט דאָן:
טרערן האָבן מיר געשטיקט,
איך האָב געקושט דיין ליכטיג פּנים
און צום האַרצן דיך געדריקט.

אָך, דיין שוויגן און דיין שמייכל
פּייניגט איצט נאָך מיין נשמה.
ס׳האָט באַ דיר אַ טרער געציטערט —
ניט פאַר פרייד מסתמא. . .

איצט שרעקן מיך חלומות,
וויסטע, שווערע, יעדע נאַכט,
און אַ מורא׳דיג חרטה,
אין מיין האַרצן שטענדיג וואַכט.

פּייניגט מיך דיין צער, דיין עלנט,
איך הער דיין קרעכץ פון ווייט;
יאָ, איך קום, איך גיי מיין ליבסטע!
דורך די ווייטסטע ווייט.

תל אביב, דעצ. 9, 1921

צום יאָרצייט פון חנה׳טשעלען

וואָס סוד׳עט און פלאַטערט און לאַסטשעט
די מיסטישע שווייגנדע נאַכט?
וואָס פאַרא אומרו און וועהמוט?
וואָס פאַרא שיינקייט און פראַכט?

דער הימל אַט פינצטער, אַט ליכטיק,
אַ לייכטזיניק, שטיפעריש קינד.
רחמנות׳דיק טוליעט די נאַכט זיך
אין שטיפנדן וואַרימען ווינט.

די שטערן זיי שימערן, לייכטן,
ווי פרומע און הייליקע ליכט,
די בלאַסע לבנה דערמאָנט מיר —
דיין ליידנדן ליבן געזיכט.

עס פילט זיך אַרום אַזאַ בענקשאַפט,
עס נאָגט און עס זויגט ווי אַ שלאַנג,
אַן אומעט, אַ זיסער, באַקאַנטער,
ער נאָגט און עס טוט אַזוי באַנג. . .

פון ווייט ערגעץ האָט זיך פאַרטראָגן
אַ קורץ אָפּגעריסענער קלאַנג
האָט עס אַ סטרונע געפּלאַצט וואו?
פאַרשטאָרבן איז וואו אַ געזאַנג?

האָסט היינט זיך באַהעפט מיט די הימלען...
האָסט היינט זיך באַהעפט מיט דער נאַכט...
דאַרום אַזאַ אומרו און וועהמוט,
דאַרום אַזאַ רייצנדע פראַכט.

תל אביב, 12טן אפריל, 1922

מיינע לידער

איך שרייב דאָך מיינע לידער נאָר פאַר דיר,
דו אָטעמסט און לעבסט אין יעדן וואָרט,
פאַרהויל איך פון אַ פרעמדן דעם פּאַפּיר,
קיין פרעמדער ניט אַריינקוקן זאָל דאָרט.

געלעסטערט זאָל ניט ווערן מיט אַ בליק,
מיט אַ שמייכל, מיט אַ פינטל פון אַ ברעם,
ווי ס׳פינקלט און עס שימערט דאָרט מיין גליק
ווי טרערן אַף אַ קינדערישע ברעם.

נאָר ווען עס קומט דער אומעט מיט אַמאָל
און נאָגט אַריין אין האַרצן מיר אַ שרעק,
דאַן בלעטער איך די לידער יעדן מאָל,
לויפט אומעט אַ צעטראָגענער אַוועק.

פונ׳ם ביכל שוועבן קינדערלאַך אַרויס
מיט שמייכלען און מיט אויגן ווי ביי דיר.
צעזעצן זיך אַלע אין מיין שויס
אין ווארימענקע טוליען זיך צו מיר.

פאַר גוטסקייט די נשמה גייט מיר אויס,
עס בויגן זיך פאַר זיסקייט מיינע קני.
אַזוי פיל פרייד! איך האַלט עס גאָר ניט אויס,
איך פיל זיך אַ ניטדאָאיקע — ניט הי.

איך

ווער ס׳וועט אַמאָל לעזן די לידער, אַט די,
צי דו וועסט עס לעזן, צי ער, אָדער זי,
מ׳וועט לעזן פאַרטראַכט אין פאַרנאַכטיקער שעה
און טראַכטן געוויס, אַז איך בין שוין ניטאָ.

כאָטש זיין וועט מיין גוף צעפאַלן אַף שטויב,
וועל איך זיין הינטער דיר, ווי אַ ליכטיקע טויב,
כ׳וועל זיין מיט דיר דאָ, כ׳וועל זיין אומעטום,
אפילו אין הונדערטער יאָרן אַרום.

כ׳וועל זינגען די לידער צוזאַמען מיט אייך,
און ליידן און שמייכלען מיט אַלעמען גלייך,
מיין גוף וועלן ווערים צופרעסן אַף גיך
דער גוף איז נאָר מיינס — ס׳איז דאָך אבער ניט איך.

ווייל איך וועל דאָך לעבן און זיין אַזוי לאַנג,
ווי טרויער און פרייד און ווי ליד און געזאַנג,
דעריבער וועל איך מיט דיר זיין אומעטום,
אפילו אין הונדערטער יאָרן אַרום.

דערציילונגען

אַ ים מיט מענשלאַכע יסורים

(פון דעם טאָג-בוך פון אַ באַרמהערציקער שוועסטער)

עס איז אין גאַנצן אַ פּאָר וואָכן, זינט איך בין אין סאַניטאַריום, און מיר דוכט זיך, אַזוי ווי איך וואָלט שוין דאָ אַן אייביקייט געווען. איך קען שוין אַזוי גוט די פּאַציענטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיינע נאָענטע פריינט געווען.

איך קען זיי אַזוי גוט, ווייל צוזאַמען מיט זיי לעב איך דורך זייערע צרות און יסורים.

אָט זיצט אַ מיידל פון אַ יאָר צוויי־דריי־און־צוואַנציק, אַ גראַציעזע, אַ בויגיגע, אַ ציטערנדע, אַ בלאַסע; אויגן שוואַרצע, אומעטיקע, און טיף, ווי דער אָפּגרונט.

איך בין זיכער, אַז זי האָט אין דער היים אַ געליבטן איבערגעלאָזט, און זי גייט דאָ אויס אין שטילער בענקעניש.

זי האָט עס מיר, אמת, קיינמאָל ניט געזאָגט. נאָר איר גאַנצער וועזן, אירע פאַרשטיקטע זיפצן, אָפטע טרערן זאָגן עדות אויף דעם. אַ שווערער, פאַרצווייפלטער קאַמף קומט פאָר אין איר צעוויטאָקטער נשמה: ווי וועט ער איצט האַנדלען? עס איז אין גאַנצן אַ פּאָר מאָנאַטן, זינט זי איז קראַנק, און שוין פילט זי אַ פראָסט אין אַלע זיינע באַציאונגען צו איר.

אָט ליגט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיג. ער איז אויסערגעוויינלאַך סימפּאַטיש, בלאָנדע האָר, העלע אויגן. שטענדיג רוט אויף איהם אַ סאַרקאַסטישער שמייכל. ער ווייס, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, און ער וויצלט זיך סאַרקאַסטיש איבער דעם.

— דער מלאך המות — זאָגט ער —קיצלט מיר נאָר. דער חלף איז ניט שאַרף גענוג. פאַרוואָס מאַכט ער עס ניט גיכער, דער באַלוואַן? צו וואָס די מאַטערנישן?

דאָ ליגט נאָך איינע. דוכט זיך, נאָר גאָר אַ קינד, ניט מער ווי זעכצן־זיבעצן יאָר אַלט. זי איז אַזוי ליבלאַך, אַזוי קינדיש־אַנגענעם, ווי אַ פרישע בלום, וואָס מען האָט נאָר־וואָס אָפּגעריסן, און מען פליקט פון איהר בלעטל פאַר בלעטל. אומגליקלאַכע ! זי ווייס ניט, אַז זי שטאַרבט. זי איז צוגעבונדן צום לעבן מיט איר יעדן נערוו, און זי פרייט זיך, ווי אַ קינד, ווען דער דאָקטאָר דערלויבט איר זיך אויפזעצן.

— איך זאָל נאָר פון בעט אַרונטער, וועט שוין אַלץ ווידער גוט זיין — זאָגט זי — עס איז אַלע מאָל אַזוי מיט מיר. די בלוט איז גאָר ניט פון די לונגען, עס איז פון נאָז און האַלז. דער פיבער איז געווים פון מאָגן אָדער פון „אַ קאַלט".

זי איז זיכער, אַז זי וועט גיך געזונט ווערן, און זי בויט פּלענער און פאַנטאַזיעס אויף דער נאָענטער צוקונפט.

אך ווי שיין , ווי רייך, ווי שטארק דאס לעבן איז !

דארט זיצט נאך גאר א יונגע פרוי. איר פאר דער צייט פארעלטערטער פנים ווערט באלויכטן גאר דאן, ווען איר מאן און איר פיער־יעריקע מיידעלע קומען איר צו באזוך.

— מאמע, ווען דו מיר מעגן קושן? — וויל וויסן דאס קינד.

— זומער, מיין קינד.

— מא, וויפל נאך צו זומער?

און די ארימע גלעט דעם גאלד־געלאקטן קעפל, און טוליעט ס'קינד צו אירע אויסגעדארטע ברוסטן און מיט טיפן וויטאק קלערט זי: „גאט וויס, ווי לאנג עס איז נאך צו זומער....“

און דא ליגט נאך איינע, א פארמשפט'ע צום טויט, א קרבן פון פער־פעסטעטע שעפער, ארימקייט, צרות און נויט.

גאר ניט לאנג צוריק איז זי אריבערגעקומען פון רוסלאנד, געזונט, פריש, פול מיט לעבן און האפנונגען, מיט גרויסע פלענער, אבער צו שוואך איז זי געווען צו קעמפן געגן די ברוטאלע כוואליעס. צו איידל, צו ווייך צו לעבן אינ'ם טומל און הו־הא, וואו עס עקזיסטירט נאר דער קלאנג פון גאלד. און זי איז צעבראכן געווארן, צו־שפעט האט זיך געפונען איר פריינט, וועלכער פארשטייט איר און ליבט איר מיט'ן גאנצן פייער פון זיין הארץ. צו שפעט! ער קען מער מיט זיין הייסער ליבע און איבערגעבנהייט איר גאנץ ניט מאכן.

ער קומט איר באזוכן זייער אפט. זייער באגעגעניש איז שווער, אן ווערטער. ער פרעגט איר ניט אפילו, וואס זי מאכט, ווייל ער זעט, מיט שטומען וויי, ווי די איינציקע שיינע, ליכטיקע זון אין זיין לעבן גייט אויס און גליטשט זיך פון זיינע הענט ארויס. זי פרעגט אים אויך גארניט. עס איז איר שווער און פארבאטן צו ריידן. זי קוקט בלויז אויף אים, און א וועלט מיט ליידן, א ים מיט וואונדן שרייען פון אירע בליקן ארויס.

זי שמייכלט, און דער טיפסטער שמערץ, די גרעסטע יסורים זיינען אין איר שמייכל באהאלטן, עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן יעדעס מאל, וואס איך זע איר שמייכל. איר פנים איז ווי ביי א הייליקער.

זייער געזעגענען זיך איז אויך כמעט אזוי שוויגנדיק. ער האלט נאר אירע הענט, גלעט איר די האר און טרינקט זיך אן פון אירע אויגן. זיינע וויזיטן וועל איך קיינמאל ניט פארגעסן.

דא זיצט א מאן פון א יאר עטלאבע און פופציג. אן עלנדער, ניטא אויף דער גאנצער וועלט קיינער, וואס זאל זיך מיט אים אינטערעסירן. און ווי א קינד קוקט ער מיט זשעדנעקייט און איז מקנא יעדן איינעם, צו וועמען עס קומען באזוכער.

אך, מיינע אומגליקלאכע, ארימע ! עס ווילט זיך מיר ברייט אויסשפרייטן מיינע ארעמס און אייך אלעמען ארומנעמען, צודריקן צו זיך, און אייך גלעטן, לאשטשען, טרייסטן, ווי א מאמע, אדער א גוטע איבערגעבענע שוועסטער. אבער איך בין הילפלאז, איך קען אפילו ניט געפינען די ריכטיגע, פאסנדע ווערטער, וואס זאלן לייכטער מאכן אייער גרויסן, שטומען וויי.

די טעג זיינען נאך צו דערליידן, די נאטור איז דא רייך און וואונדער

שיין, און דורך דעם איז בייטאָג ניט אַזוי בולט און שרייענד אונזער שרעקלאַכע קללה. די זון וואַרפט מיט ליכט און בונטע שטראַלן און וואַרימקייט מער, ווי אומעטום. דער ווינטל גלעט און לאַשטשעט מחיה׳דיג, פּונקט ווי אַ מאַמע אירע יתומים. דער הימל איז טיף־בלוי און ווייט און ברייט אָן אַ סוף. און דאָרט, איבער די הויכע בערג, דוכט זיך, קען מען הערן דעם טומל, דעם רעש פון לעבעדיקע מענשן, פון מענשן מיט האָפענונג, מיט שטרעבן, מיט פרייד, וואו מען קלערט ניט נאָר פון טויט, וואו מען לעבט און מען גענים פון אַלע אוצרות פון לעבן.

אָבער גאָר אַנדערש זיינען די נעכט. מיין גאָט די נעכט, דאָס זיינען עטוואָס שרעקלאַכעס! דאָס זיינען עטוואָס מורא׳דיגעס, עטוואָס, וואָס איז אוממעגלאַך אין ווערטער איבערצוגעבן.

די בערג, וועלכע זיינען בייטאָג אַזוי רייצנד, אַזוי כישופ׳דיג, וועלכע איך האָב אַזוי ליידנשאַפטלאַך ליב, זיינען ביינאַכט אַזוי מורא׳דיקן עפּעס ווי שרעקלאַכע מאָנסטערס, ווי נאַכט געשפענסטער רינגלען זיי אַרום אונזער קליינע קאָלאָניע, און פּאַרשטעלן אונז, דוכט זיך, און פאַרצאַמען אונז פון פון דער גאַנצער וועלט און נעמען צו די קלענסטע האָפענונג אויף אַ ביסעלע ליכט. און די שטילקייטן האָט איר שוין אַמאָל געהערט, ווי די שטילקייט שרייט? און דאָס קלאַפּן פונם טויט׳ס שוואַרצע פליגלען הערט זיך אין יעדן שאָרך פון אַ בלעטל, און פון אַלע עקן פון די טיפסטע טיפעניש ביז אַרויף צו די שפּיצן בערג גלאָצט דער טויט מיט זיינע פוסטע אויגן־לעכער און די פינצטערניש איז טיף און שוואַרץ ווי די ליידן און וויטאָקן פון די אומגליקלאַכע.

און איך ווער באַגאָסן מיט אַ קאַלטער שווייס, ווען איך דאַרף מאַכן מיינע „ראונדס״ צווועלף אַזייגער ביינאַכט, און ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע אין אַ טיפן וואַלד ווילט זיך מיר שרייען: ר־אַ־ט־ע־ווּ־ע־ט!!!״ מיר ווילט זיך איבערשרייען איבער די הויכע בערג, דורך דער טיפער פינצטערניש; אָבער מיין שטימע ווערט אין מיר פאַרשטאַרבען פאַר שרעק, און ווי געיאָגט פון טויזנטער שדים כאַפּ איך מיך גיך צוריק אין וואָרד אַריין, וואו די קראַנקע ליגן און וואו איך וואַך די גאַנצע נאַכט.

דאָרט פיל איך מיר זיכערער. דער גרויסער צימער איז האַלב בעלויכטן פון אַ גרינעם עלעקטרישן לעמפּל. איך זיץ אין אַ ווינקל און קען זיך ניט רירן פון שרעק.

גאָט מיינער, וואָס איז מיט מיר היינט?

וואָרום רייסט אַזוי מיין האַרץ? וואָס נאַיעט און יאָמערט מיין צעפּליקטע נשמה? איך פּרוביר מיט אַ בוך מיין צער פאַרטרייבן, אָבער אומזיסט: די לאַנגע שאָטנס אויף די ווענט, אויפן דיל וואַרפן אָן אויף מיר אַ שרעק.

„דאָס איז דאָך דיין אייגן שאָטן״, טרייסט איך מיר. וואָס פאַר אַ נאַר איך בין! און דאָרטן? דאָס איז דאָך נאָר אַ נאַכט־העמד אויפ׳ן וואַנט, דאָס גערויש איז דאָך בלויז אַ קרעכצן, אומיצער קרעכצט פון שלאָף. און איך האָב געמיינט, אַז עס ברומט פון דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַרויס. פרייליכער ווערט נאָר דאַן, ווען די מורא׳דיגע שטילקייט פון דער נאַכט ווערט איבער־

נעריסן פון אימיצנס הוסטן אָדער קרעכצן.

איך בין זיי אמת דאנקבאר אויפ'ן מאָמענט, ווייל דאן פיל איך, אז עס איז נאָך דאָ לעבן אויך. געוויס לעבן זיי. אָט הוסט נאָך איינער, אַ צווייטער, און דאָ ווײנט אימיצער פון שלאָף — מסתמא האָט זיך עס ביי אים אָנגעקליבן פון די לאַנגע שווערע טעג.

און אָט רופט מיר איינער: אַ ביסל וואַסער וויל ער. ער ווערט דערשטיקט, זאָגט ער, ניטאָ קיין לופט.

און איינע שמייכלט פון שלאָף. זי חלום'ט אודאי פון ברייטע, גרינע לאַנקעס, פון מוזיק, פון בלומען, פון לעבן מיט גליק אָן אַ שיעור, וואו עס לעבט זיך לייכט און פריי.

און דין . . . איז איר פנים ניט צו־בלאָס? ש־ש־ש־ש! זי איז טויטן אָבער ווי אזוי? עס קען ניט זיין! עס קען ניט זיין! איך בין דאָך די גאַנצע נאַכט אויף דער וואך. איך האָב דאָך קיינעם ניט געזען, און קיינער איז איבער'ן שוועל ניט אַריבערגעטראָטן! טיר און פענצטער פארמאַכטן אהא, ער איז דאָ! ער איז דאָ! איך זע אים, ער איז ווידער דאָ, באַגלייט פון אַ מחנה מחבלים, געהילט אין שווארצן, גליטשט ער זיך פון דער פינצטערניש פון נאַכט דורך די שפּאַלטן פון די ווענט, דורך די טיר און פענצטער, און ווי אַ הונגעריקער לייב אויף פּאַרצוקונג, וואַרט ער אויף „נעקסט" און לויערט מיט זיינע טויזנטער פוסטע אויגן־לעכער און שטשירעט מיט די ציין . . .

בררר . . . עס שוידערט מיר! עס איז קאַלט! עס איז מיר זייער קאַלט! אָה, זאָל שוין ווערן טאָגן גאָט מיינער! זאָל — שוין — ווערן — טאָג . . .

1915 לאָם אַנדזשעלס דעצ.

ליזעס תכלית

אָפּרוען האָט זיך דיר געוואָלט? א לייכט לעבן?

נאַ, נאַ דיר רו.

אַזוי שטשירען און לאַכן די שדים איר אין פּנים אריין. דערביי שטעקן זיי אַלע צוזאַמען ארוים איין לאַנגן, גרויסן צונג . . .

ניט שוין־זשע איז דאָס דער סוף? איז גאָר קיין אויסוועג ניטאָ?

אַזוי פּייניקט זי זיך און מוטשעט זיך פאַר די לעצטע עטלאַכע מאָנאַטן. אַם שאַרפּסטן איז איר ווייטאָק אין די פאַרנאַכטן, ווען די זון פאַרגייט, און אין שטוב הויבט אָן ווערן טונקל, דאַמאָלסט זיצט ליזע איינגעוויקלט אין א שטענדיקער מרה שחורה.

זי קוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אין דער ווייטקייט אריין. בילדער, סצענעס, געדאַנקען אָפּגעריסענע יאָגן זיך איינס נאָך ס׳אַנדערע. זי וויל זיי צוזאַמענבינדן, זיך ריכטיג דערמאָנען, ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען? ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? ווי אַזוי האָט זי זיך געקענט פערבינדן אָט מיט דעם שטענדיק־צופרידענעם, ווילד־פרעמדן מענשן?

זי קען פאַר קיין פאַל קיין איינצלהייטן זיך ניט דערמאָנען. אַלץ איז ווי אין א שווערן חלום אָנגעוואָרפן, אין א כאַאָס....

קלאָר שווימט נאָר פאַר איר ארויס דוד.

שוין ביים נאָמען אַליין גיט זי זיך א צאַפּל, און א וואַרימקייט גיסט זיך דורך איר גאַנצן קערפּער . . .

וואָס פאַר אַן איינפלוס דער מענש האָט אויף איר געהאַט! — קלערט זי — איך בין גאָרניט געווען איך, זייענדיג לעבן אים, זיין אָנוועזנהייט האָט מיר שיכור געמאַכט. זיינע לאַסקעס, זיינע צערטלאַכקייטען. ער האָט מיך ווידער יונג און זאָרגלאָז געמאַכט.

און די אָוונטן! . . . און די ווילדע קושן! . . .

דוד, און אַלץ, וואָס איז נאָר פאַרבונדן מיט אים, וועט אייביג פאַרבלייבן דער שענסטער טייל פון מיין לעבן.

זיינע קאַפּריזן, זיינע שטימונגען, זיין רייכע נשמה, זיין בליק, זיין שמייכל איז געווען גענוג פאַר אונז זיך דורכצורעדן און זיך צו פאַרשטיין.

און ווי א זאָרגלאָזעס קינד פלעג איך זיך פילען לעבן אים.

— מיין ליזעטשקע, מיין איינציגע! ווי רייך דו ביזט דו ביזט דער יום טוב פון מיין לעבן! ווי משוגע ליב האָב איך דיר! און דערביי זיך איינזויגן גלייך און דער נשמה אריין מיט זיינע טיפע, ווייכע אויגן.

גאָט מיינער! ווי גוט עס איז צו לעבן! צו פילען, אז דו ליבסט, און דו ווערסט געליבט!

און דאָך איז אין דער זעלבער צייט אָפט געוואָרן שווער, זייער שווער

אויפ'ן הארצן. און אזעלכע נארישע געדאנקען האבן מיר געפלאגט און גע־מוטשעט.

וואס וועט אבער זיין דער תכלית?

אמת, זייענדיג לעבן אים, האט עס זעלטן פאסירט... די שטימונג איז שטענדיק געווען א צו יום טוב'דיגע... אבער שטענדיק. בלייבנדיק אליין, האט זיך פון ערגעץ־וואו באוויזן דער „תכלית", און מיר רוען ניט געלאזט... אמת, דאס איז וואכעדיג, פראזאיש, קליינלאך, און געגען אלע דינים פון „ראדיקאליזם" — פלעגט ער זאגן. — אבער דו ביזט דאך מיר, ביזט דאך אזוי מיר...

און צו דעם אלעם מיין ארימע גוטע מאמע, ווידער אמאל דאס אייגענע, — טאכטערקע, וואס וועט זיין דער תכלית? ביזט א גזלן'טע, האסט קיין רחמנות ניט אויף זיך! זע, א פנים דו האסט, ווי בלאס, ווי אויסגעמאר־טערט!... וואס וועט ער דיר געבן, אט דער שלעפער? וואס האסטו פון זיין בילדונג? פון זיינע „לעקטשעס" און „יוניע"? ווי דיין שוועסטער, וועסטו זיך די האר רייסן. ער וועט ליגן גאנצע טעג אויפ'ן סאפקע, וועט פיפקען סיגארעטלעך, לייענען ביכער, און דו וועסט דיין גאנצן לעבן פארברענגען אין שאפ... פאלג מיך, מיין קינד, לאז אים גיין צו אל־די־גוטע יאר! שוין צייט, טאכטער, דו זאלסט אוועקווארפן די אלע נארישקייטן! וואס איז מיר ליבע־שמיבע? דאקטאר שולמאן איז א דימענטענער מענש, מיט א גרויסע פראקטיק, און אייגענעם אויטאמאביל. א רייכע הויז. אויף די הענט וועט ער דיך ארומטראגן, ווי און אויג אין קאפ וועט ער דיך היטן. ער איז ערשט נעכטן ווידער דא געווען און גערעדט וועגן דעם... ער געדענקט דיר נאך פון דער־היים, ווען דו ביזט א קליינע מיידעלע געווען.

און דער טאטע פלעגט אויך אונטערהעלפן מיט כעס אין זיין קול.

— ביי לייטן, אז מען האט געראטענע קינדער, דערלעבט מען כאטש א שטיקל נחת, און ביי מיר, מען טאר דאס ניט זאגן, איז די קללה פון דער תוכחה אויסגעגאסן. פילאזאפקעס זיינען די טעכטער דיינע, זיך אויפגעניוכעט מיט די הונגעריגע, אפגעריסענע, בארוועסע, „צאצעליסטעלעך", פונקט ווי אין דער היים, די אויגן מיר פארשווארצן, און מען טאר נאך א ווארט ניט אויסריידן: זיי ווערן ברוגז, זיי זיינען נאך גערעכט! וואס קלערט זי זיך, וואלט איך געוואלט וויסן! וואס וועט זיין דער תכלית?

און דער „תכלית" האט דאן ביי מיר אנגענומען א לעבעדיקן געשטאלט— מיט אויגן, מיט הענט און פים — עפעס א משונה'דיקע באשעפעניש.

און מיר פלעגט זיך וועלן ארויפווארפן אויפ'ן „תכלית", ארומכאפן אים מיטביידע הענט פאר'ן האלז און דערשטיקן, דערווערגן אים, א סוף! זאל ניט זיין קיין תכלית אויף דער וועלט, ווען איך קענען דעם אטעם אפציען און לעבן , ווי עס באדארף צו זיין....

אבער, אז איך פלעג נעענטער צוגיין צו אים, פלעגט מיר דער כעס א ביסל אפגיין. ער איז גארניט געווען אזוי שרעקלאך. פארקערט, ער האט אויסגעזען פונקט ווי מיין זיידע אין מיין קליין שטעטל, קומענדיק פון שול פרייטיק־צו־נאכט, מיט די הענט פארלייגט אויף הינטן, אומגייענדיק איבער'ן

שטוב היין און צוריק, מיט אַ שבת'דיגע רואיקייט, אונטערזינגענדיק „אשת חיל מי ימצא“, מיט זיין לאַנגער, ווייסע באָרד, גוטע, קלוגע אויגן און מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין פנים — אַזוי פלעגט ער צוגיין צו מיר גאַנץ נאָענט, דער תכלית, אָננעמען מיין פנים צווישן ביידע הענט, און זאָגן: טאָכטערקע, ווי בלאַס דו ביזט, ווי מיד דו ביזט! דו מוזט זיך אָפּרוען“.

מיין ארימע מאַמע! פון די ערגסטע פון מיינע יסורים האָט זי קיין שום אַנונג ניט געהאַט. זי האָט ניט געוואוסט, אַז איך האָב שוין עטלאַכע קברים אין הארצן. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס הייסט, אליין שאַפן געטער און מיט די אייגענע הענט זיי צושמעטערן און מיט דעם, פאַרשטייט זיך, אַ שטיק הארץ און נשמה און לעבן . . .

זי האָט אויך ניט געוואוסט, אַז איר טאָכטער האָט שוין געליבט און פאַרגעטערט אַ יוסף, אַ חיים. מיט ביטערניס געטרונקען דעם ים פון ענטוישונג ביז'ן דעק. און נאָך פילע זאַכן האָט מיין אָרימע מאַמע ניט געוואוסט...

נאָך אַזעלכע אַרגומענטן פלעגן נאָכפאָלגן שלאָפלאָזע נעכט, און איך פלעג כסדר פּעסט באַשליסן, אַז מאָרגן מוז נעמען אַ סוף.

איך וועל מאָרגן זיכער איבעררייסן אַלע באַציאונגען מיט דוד'ן. איך בין שוין ניט קיין יונגע מיידעלע — פלעג איך באַשליסן. קיין לופט שלעסער וועל איך מער ניט בויען, און גלאַט קריכן באַרג־אַרויף איז טאַקע שווערלאַך.

נור אויף מאָרגן, אַז איך בין אַהיים געקומען פון דער ארבייט און דוד האָט שוין אין מיין צימער געוואַרט אויף מיר און מיט הארציקייט מיר אַנטקעגן געקומען, געהאָלפן מיר אויסטאָן די הוט, די האַנדשו, מיר טיף אין די אויגן אריינגעקוקט, אַ גלעט געטאָן מיינע האָר — איז שוין פאַר מיר גענוג געווען, איך זאָל פאַרגעסן אָן מיין נעכטיקן באַשלוס, און אַלע מיינע פלענער און דער „תכלית“ זיינען צושוואומען, ווי רויך.

אָבער ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, געדענקט זי ניט, און קען זיך פאַר קיין פאַל ניט דערמאָנען.

איידער וואָס־וועז איז זי שוין געווען אַ פאַרהייראַטע און אינגאַנצן שלום געמאַכט מיט'ן תכלית. אין אנפאַנג איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט די נייע ראַליע: געלט, פּאַרטיעס, וויזיטן, בעלער. דר. שולמאַן איז ווירקלאַך אַ גוטער מענש. ער פאַרגעטערט איר, טראָגט איר אויף די הענט און היט איר אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ. די מאַמע איז פאַר נחת, דוכט זיך, אינגער געוואָרן, דער טאַטע האָט דעם רוקן אויסגעגלייכט. מיט ברייטקייט פלעגט דער טאַטע קומען צום איידעם, דעם דאָקטאָר, אויף טיי, שפּילן אַ שאַך, ריידן פון פּאָליטיק.

נאָר ביסלאַכווייז איז דער טומל אַוועק, אין הארצן האָט גענומען נאָגן אַ טיפע בענקעניש. עס האָט זיך דערפילט אַ מורא'דיקע פּוסטקייט. און מיט ווייטאָק האָט זי דערזען, אַז זי האָט געמאַכט אַ שרעקלאַכן טעות.

ווי קומט זי אַהער, אין דער גרויסער, אומעטיקער שטוב?

פרעמד, פאַרבלאָנדזשעט, האָט זי זיך דאָ געפילט, און דער „תכלית“ און די „רו“ איז געוואָרן אַלץ בלייכער און בלייכער... מער צובראָכן, מידער...

און די פאַרגאַנגענע נאַכט, ווי אימער, איז זי געלעגן און געטראַכט פון

דוד'ן, איר ליבן, הארציקן דוד'ן. אָבער דער שלאָף, דער כראָפּען פונ'ם מאַן ביי איר זייט, האָט געזעגט איבער אירע נערוון, געררייצט ביז צו משוגע ווערן. זי קוקט זיך גוט איין אין איר מאַן, און צום ערשטן מאָל, דוכט זיך איר, האָט זי דערזען זיין גלאַנציקן, גרויסן פּליך. צום ערשטן מאָל האָט זי דערזען זיין טעמפּן, זאַטן פּנים. זי האָט זיך אינסטינקטיוו צוזאַמענגעקאָר־טשעט פון וויטאָק.

פיינט האָבן דעם מאַן! איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס „פיינט האָבן דעם מאַן", וועלכן מען מוז טאָג־טעגליך זען און פילן לעבן זיך, ווי דעם אייגענעם שאָטן!

פיינט האָבן דעם מאַן, וועלכער דענקט, אַז איר זייט גליקלאַך... גליק־לאַך... כאַ־כאַ־כאַן וועלכער שד, וועלכער טייפל האָט עס אויסגעטראַכט?!

ניין, נאָך אַמאָל ניין!... איר ווייסט ניט, איר קענט ניט וויסן!

און שמייכלען צו אַלעמען, ווען דאָס האַרץ ווערט פאַרבלוטעט!...

אַט איז שוין באַלד אַ יאָר, לאַנג ווי די אייביקייט, און זי לעבט מיט אים... און פון אַלע אַנטוישונגען איז, דוכט זיך, די, די גרעסטע, און פון אַלע יסורים איז די, די שאַרפסטע. עס ווערט ענג, אין מח הויבט אָן ברענען. זי קריגט אַ געפיהל פון לויפן. אָבער וואוהין? און ווי?

אַט ליגט דאָס עופה'לע, וועלכע זי האָט געדענקט, וועט איר אויספילן די פּוסטקייט פון איר לעבן... איר אָרימע מאַמע... אַלע וועלן דאָך דענקען אַז זי איז פון זינען אַראָפּ... איבערלאָזן אַזא האָב און גוטס, און אַ מאַן, וועלכער איז באַרייט דעם לעבן אַוועקצוגעבן פאַר איר... וואוהין?...

זי הויבט זיך אויף פון בעט, און וואַקלענדיג גייט זי צו צום פענצטער, וועלכער עפענט זיך אין גאָרטען אריין. די קאַלטע לופט, די שטילקייט, די ווייסקייט פון דער נאַכט באַרוהיקן אַ ביסל אירע נערוון. זי פאַרטראַכט זיך, און ווידער שווימט פאַר איר אַרויס דוד. אַט, דוכט זיך איר, זיצן זיי אריינ־געפלאָכטן איינער אינ'ם אַנדערן, און זי ווערט שיכור פון זיינע הייסע קושן און זודיקן אָטעם, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך איר אַזש....

— עליזאַבעטן ליזען דו שלאָפסט גאָרניט?

זי הערט ניט. נור פּלוצלונג דערפילט זי אויף זיך זיינע האַמעטנע, קאַלטע אומאַרמונגען.

זי וויל שרייען, אָבער אין האַלז ווערט איר פאַרשטיקט. זי קאָרטשעט זיך נאָך מער צוזאַמען, און קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און זעט גאָרנישט.

— מיין טייערע, ווי נערוועז דו ביזט! וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט בעסער אויפּפּאַסן אויף זיך. איך רוף גלייך אָפּ דר. וויסבערג, ער איז אַן אויסגעצייכנטער נערוון ספּעציאַליסט.

סאַן פראַנציסקאָ. אַפּריל, 1916

אַ מיספאַרשטענדעניש

אַז אסתר איז אָנגעקומען אין דער שטאָט ד. איז זי גלייך פאַרפאָרן צו די שאַפּיראָס, אַ פאַמיליע, פון וועלכער זי האָט אַ סך געהערט נאָך אין דער היים. און זי איז טאַקע געבליבן זייער צופרידן, ווייל די גאַנצע פאַמיליע האָט איר ליב געקראָגן און זיך אַזוי צוגעבונדן צו איר, ווי זי וואָלט זיך פון קינדווייז אויפגעהאָדעוועט מיט זיי.

די אַלטע גוטע מוטער פלעגט אויפפאַסן אויף אסתר'ן פונקט ווי אויף אַ ציטערדיק קינד. טאָכטערקע, פלעגט זי זאָגן, טו־אָן די קאַלאָשן, עס איז נאַס, ווערסט זיך, חלילה, פאַרקילן. און ניט אַזוי וואָס זי פלעגט זאָגעו, נאָר ווי אַזוי זי פלעגט דאָס זאָגן. די ווייכקייט, די מוטערלאַכע צערטלאַכקייט פלעגט אסתר'ן רירן ביז טרערן. די עלטערע טאָכטער, רייזל, אַ בלאַסע, מיט טיפע שוואַרצע אויגן, אַ שטילע, אַ חנ'עוודיגע אין ריידן און אפילו אין שווייגן, זי איז מיט אסתר'ן געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי זיי וואָלטן פון שטענדיק חבר'טעס געווען.

אבער דער עלטערער ברודער רייזל'ס האָט באַלד אין אַנפאַנג איר כמעט ענג געמאַכט. זי האָט זיך קלאָר קיין רעכענונג ניט געקענט אָפּגעבן, פאַרוואָס זי האָט אים ניט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט איר פאַרפאָלגט מיט זיינע בליקן. ער איז בטבע געווען אַ מענש אַ צופרידענער, אַ טרוקענער.

און זי — די פאַנטאַזיע אַליין, פול מיט חלומות. פון קלייניקייטן, פון נעכטיקע טעג פלעגט זי בויען פרעכטיקע שלעסער. געטרוימט האָט אסתר וועגן אַן עלעגאַנטן און פייערלאַכן ליבהאָבער, ניט פון אַזאַ ווי ער, אָט דער, וואָס פלעגט אויף איר קוקן מאָדנע און וואָס עס האָט איר געעקלט צום טויט. געווען איז ער צו איר זייער איידל, שוין צו־איידל, און זי האָט אים שטענדיק אויסגעמידן.

און וואָס מער זי האָט אים אויסגעמידן, אַלץ אומהיימלאַכער פלעגט זי זיך פילן אין זיין אָנוועזנהייט.

אום צו פאַרמיידן די אומאַנגענעמלאַכקייט, האָט זי דערזען נאָר איין וועג און דאָס איז — איינגאַנצן אַריבערציען זיך, נעמען אַן אַנדער וואוינונג. זי האָט זיך טאַקע באַלד צענויפגעפאַקט און באַשלאָסן זאָגן זיי, אַז זי ציט זיך אַריבער. אבער, אַז עס איז געקומען צו דעם, האָט זי פאַרלאָרן דעם גאַנצן מוט. זיי וועלן דאָך געוויס פרעגן: וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? וואָס וועט זי זיי ענטפערן? באָרים? ער איז דאָך אַזוי איידל, אַזוי העפלאַך, אַזוי פיין צו איר. נאָר באַשלאָסן איז באַשלאָסן. נאַרישקייטן. וואָס, זי מוז זיי אָפּגעבן אַ רעכענונג ווי און וואָס? אַזוי קומט איר אויס און פאַרטיק. וואָס בין איך עפּעס אַ קינד? הקיצור, עס איז אַזוי אַוועק עטלאַכע טעג, און יעדן טאָג האָט זי געקלערט: היינט זיכער. ביים עסן וועל איך אַזוי

נאַכלעסיק אַ זאָג טאָן: איר ווייסט, חברה, איך קליב זיך ארויס פון אייך. נאָר אז ס'איז געקומען צום זאָגן, איז דער מויל פול געוואָרן ווי מיט וואסער און... ניט פון אָרט. זי פלעגט רויט ווערן, זיך פארשעמען פאר איר אייגענער שוואכקייט. נאָר זי האָט באשלאָסן, אז ביינאכט וועט זי גאָר ריידן מיט רייזל'ען. איר קען זי דאָך דערקלערן דעם גאַנצן אמת. זי איז דאָך אזא וואוילע, אזא קלוגע. איר וואונדערט נאָר, וואָס זי באמערקט עס אליין ניט. נאָר, אז עס איז געקומען ביינאכט, איז ווידער דאָס אייגענע. זי פלעגט אָפּריידן ביז שפּעט אין דער נאכט פון אלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פון דעם. אסתר האָט צייטנווייז געפילט ווי צורייסן זיך אין שטיקער. אזא קליינינקייט און עס פארביטערט איר דעם לעבען.

אזוי ווארטנדיג אויף דער פאסנדער צייט און געלעגנהייט, האָט זי עס אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג.

דערווייל מאכט זיך, אז רייזל מיט דער מוטער זיינען אוועק מיט אַ וויזיט צו אַ קוזינע, און אסתר בלייבט מיט אים אליין, פארוואָס זי האָט זיך שטענדיק געשראָקן. נאָר דער געדאנק, אז אָם העכסטנס נאָך אַ פּאָר טעג און זי וועט אים מער ניט זען, האָט איר לייכטער געמאכט זיין אָנוועזנהייט, און זי האָט פארביי געקוקט אויף זיין טעמפּן פּנים, אויף זיין נארישן שמייכל. זי האָט פריילאך געשפּאַסט, געוויצלט זיך, צוזאמען געגרייט צום טיש, צוזאמען געגעסן. ער האָט איר באדינט: אפשר אַ גלאָז וואסער, אַ גלאָז קאַלטע ביר. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ חמימה'דיגער און טרינקען איז גאָרניט געווען צופיל און געגן איר געוואוינהייט האָט זי אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער ביר, וואָס האָט זי אריינגעבראכט אין אַ פריילאכער שטימונג, ניט חלילה, שיכור, נאָר גלאָט שטיפעריש און אויפגעלייגט, ווי שוין ניט פאר אַ לאַנגע צייט.

— אסתר, — זאָגט ער, — קומט, מיר'ן זיך אביסל דורכגיין.

— ניין, איך וויל ניט דורכגיין זיך, — האָט זי געזאָגט און געלאכט שטיפעריש.

אַ היבשע ווײַלע זיינען זיי געזעסן שוויגנדיקע, דאָן האָט ער אָנגענומען אירע הענט און הכנעה'דיג איר אין די אויגן געקוקט. אז זי איז אביסל צו זיך געקומען גיט זי פּלוצים אַ זאָג:

— איר ווייסט, באָריס, איך קליב זיך ארויס פון אייך. איך קליב זיך ארויס אויף אַן אנדער דירה.

און אליין האָט זי זיך געוואונדערט, ווי לייכט עס האָט זיך איר ארויסגערעדט.

קוקט ער איר אָן מיט זיין אָפענעם קלאָרן פּנים און רוקט זיך צו נאָך נעענטער צו איר.

— איך ווייס, — זאָגט ער, — אסתר'ל, דו לייַדסט, דו האָסט מיר ליב און דערפאר ווילסטו אוועק. ניין, מיין טייערע, וועסט ניט גיין. וועסט אין ערגעץ ניט גיין, ווייל איך בין דיינער, דיינער און נאָר דיינער פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס איך האָב דיך דערזען. איך האָב די גאַנצע צייט דיין לײַדן באמערקט, נאָר איך האָב עס ניט געקענט אויסטייטשן. אָבער איצט פארשטיי איך שוין

אַלץ. איצט איז מיר אַלץ קלאָר, אסתר׳ל, מיין אסתר. ענדלאַך בין איך גליקלאַך!...״

וואָס ער האָט ווייטער גערעדט, האָט זי ניט געהערט, ווייל זי איז ווי אַ פאַר׳חלש׳טע געלעגן ביי אים אין די שטאַרקע אָרעמס, און ער האָט איר געקושט היים און ווילד, ווי אַ געליבטער קען נאָר קושן אין אַזאַ שטילער צויבער־נאַכט. זי האָט דערפילט, ווי דער לאַנג־געטרוימטער געליבטער האָט דאָ אויפגעוואַכט. די לבנה האָט אַ פולע, אַ פריילאַכע ארייגעקוקט אין צימער און באַלויכטן זיין קלאָרן, כמעט קינדערשן פּנים, איצט אַ ביסל פאַרפלאַמט. די האָר זיינען נאַכלעסיק אַרונטערגעפאַלן איבער׳ן ווייסן גרויסן שטערן.

אסתר האָט זיך מיט אַלע כחות געריסן זאָגן אים, ער זאָל אַרויס, לאָזן איר אליין, ערקלערן אים, אַז ס׳איז אַ טעות, אַ שרעקלאַכע מיספאַרשטענדניש.

נאָר אַנשטאָט דעם איז זי שכור צוגעפאַלן צו אים, און זיך איינגעקלאַמערט אין אים. ער האָט געשעפּטשעט ליבעס־ווערטער אָן אַ שיעור.

ער האָט אַלץ געשעפּטשעט: „מיין טייערע, מיין אסתרל, ווי גוט מיר איז!״ און ס׳איז איר געוואָרן גוט, ווייל אים איז געווען גוט.

און אַז ער האָט איר געלאָזן אליין, האָט זי זיך געפונען ווי אין אַ טשאַד און האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן, וואָס האָט פּאַסירט, און וואו זי געפינט זיך. פון מידקייט איז זי באַלד איינגעשלאָפן און ביז שפּעט אויף מאָרגן געשלאָפן אומרואיק מיט שווערע מאַטערנדיקע חלומות.

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי און נאָך ניט האָבנדיק קיין צייט זיך צו דערמאָנען קלאָר דאָס נעכטיקע, איז אַריינגעלאָפן רייזל אַ גליקלאַכע, אַ שיינענדע, איר אויפ׳ן האַלז געפאַלן און זיך צעוויינט פון שמחה:

— אסתר׳ל, ווי גליקלאַך איך בין. איצט זיינען מיר אויף אָן אמת שוועסטער.

און נאָך איר איז אַריין די מוטער. זי האָט, דוכט זיך, גאָר אינגער אויסגעזען. מיט פייכטע גליקלאַכע אויגן איר אָנגעקוקט און געכאַפּט איר קושן, צום הארצן איר געדריקט און מיט טרערן אין קול געוואונשן גליק.

„טאָכטערקע, די האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַ באַשערטער זיווג. איך האָב מיר קיינמאָל ניט געוואונשן פאַר מיין בן־יחיד אַ פּאַסנדערע ליבערע מיידעל, ווי דו, מיין קינד. זאָל זיין מיט מזל! איך גיב אייך מיין פולע ברכה. דו, גנב איינער, אַהיים האָסטו שוין אודאי לאַנג געשריבן און מיר אָבער די גאַנצע צייט קיין וואָרט ניט געזאָגט!״

און אסתר איז די גאַנצע צייט געזעסן צוטומלט און ניט געקענט צו זיך קומען פון דער שרעקלאַכער מיספאַרשטענדניש און זי האָט געפילט, אַז וואָס מער זי שווייגט, זינקט זי אַלץ טיפער און טיפער אין אַ מורא׳דיגן פּלאָנטער.

סאַן פראַנציסקאָ, מאַי 1917

רחל׳ס שרעקלאַכע אַנטוישונג

רחל׳ע אַליין האָט עס מיר דערציילט מיט טרערן אין די אויגן:

— אַ גאַנצן טאָג בין איך אַזוי געערגערט, אַזוי צעקלעמט. איך פיל — איך גיי פון זינען אַרונטער. איך קען עס פאַר קיינעם ניט דערציילן. איך שעם זיך. נאָר אייך יע — איר פאַרשטייט מיר בעסער, ווי אַלע.

שטעלט אייך פאָר, אַ נאַכט ניט געשלאָפן. אַלץ געקלערט און זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך וועל זיך מיט אים באַגעגענען, וואָס איך וועל מיט אים ריידן. ער איז דאָך ניט קיין פרעמדער, ער איז דאָך מיינער, אין גאַנצן מיינער. מיר זיינען דאָך שוין נאָענט פון יאָרן, ניין, פון אייביקייטן. ווי קוקט ער אויס? טאָקע אַ הויכער מיט שוואַרצע פאַרחלום׳טע אויגן און בלאַסן פּנים, אָדער גאָר בלויע לאַכענדיקע אויגן? מיר דאַכט, איך וואָלט אים דערקענט, אַפילו ווען איך טרעף אים אין מיטן גאַס.

ריידן וועט מען מסתמא פון קונסט, ליטעראַטור — ווי ביי שריפטשטעלער. אַליין בין איך מיט די אידישע שרייבער ווייניק באַקאַנט, כאָטש לייענען זיי האָב איך משוגע ליב. לייען זיי אָפּט ביזן טאָג אַריין, זיך ניט אומקוקנדיג, ווי די נאַכט איז פאַרשוואונדן. נאָר פון אַלע היינטיקע שרייבער איז ער, ראַיעווסקי, מיין באַליבסטער. אין זיין שרייבן ליגט אַ באַזונדער חן, אַ באַזונדער רייץ, עפּעס סודות׳דיקע, ניט דערזאָגטע, ניט דערזונגענע, ער נעמט דיר אַוועק אין די אונענדלאַכע ווייטן, אין די וואונדערלאַכע צויבער וועלטן, וואו עס לעבט נאָר די שיינקייט און אמת.

שטענדיק, ווען איך פלעג לייענען זיינע אַ זאַך, פלעג איך זיך אויפכאַפּן ווי פון אַ שיינעם חלום. אָפּט פלעגט מיר די פאַנטאַזיע פאַרטראָגן אַזוי ווייט, אַז פלוצים פלעג איך מיר דערזען אין אַ פּראַכטפול שיינעם פּאַלאַץ פון שניי ווייסע וואָלקנס, דורכגעוועבט פון זונען שטראַלן, וועלכע פון צופיל ליכטיקייט גיסן זיך אויס אין דאָס שענסטע פאַרבן שפּיל, ווי פון אַ רעגנבויגן.

ער זיצט נעבן מיר. דעם קאָפּ אין מיין שויס. איך באַוואונדער זיינע ווייסע פינגער אין זיינע געדיכטע שוואַרצע לאָקן. ער רעדט שטילערהייט. דערציילט פון וועלטן נאָך שענערע, נאָך ליכטיקערע. זיין קול איז ווי לאַשטשענדע מוזיק. זיינע בליקן בריען ווי הייסע כוואַליעס. מיר איז אַזוי גוט, אַזוי גוט... עס ווילט זיך אי וויינען אי לאַכן. ער האָט מיר ליב שטאַרק, שיין. אַזוי קען נאָר ליבן אַ דיכטער. קורץ, עס איז אין מיר געבאָרן אַ שטאַרקער פאַרלאַנג קענען אים.

און איצט שטעלט אייך פאָר די שמחה, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז געקומען צו אונז אין שטעטל.

דערציילט האָבן עס מיר די ניומאַנס, צו וועמען ער איז פאַרפאָרן. זיי קענען אים נאָך פון קינדוועיז. זיך צוזאַמען געהאָדעוועט.

— שבת נאכט וועט ביי אונז זיין א שטיקעלע וועטשערינקע. איר זאלט למען השם ניט פארגעסן קומען.

ס'איז איבעריק צו דערציילן, אז איך האב עס ניט פארגעסן.

א גאנצע נאכט בין איך געווען ווי איין שטיק דערוואַרטונג. איך האב געציילט די מינוטן ביז שבת נאכט. כאטש איך האב זיינע אלץ געלייענט, האב איך פונדעסטוועגן מיט חשק גענומען אלץ איבערקוקן נאך אמאל און נאך אמאל, ביז איך האב א סך פון זיינע לידער, פאעמען געוואוסט אויף אויסווייניק. די לעצטע נאכט בשום אופן ניט געקענט שלאפן. איך פארמאך די אויגן, אט דוכט זיך מיר, אז איך בין אריין אין א טעמפל, באגאסן מיט ווייסן ליכט און ער זיצט אויבן אן. עס הערשט דארט אזא רואיקייט. א הייליקייט. איך בין בלאס און דערשראקן. געבליבן ביים טיר — ווייטער ניט געוואגט צו גיין. כ'האב אויפגעהויבן דעם קאפ און אונזערע אויגן האבן זיך באגעגנט. ער האט מיך דערקענט. זיין פנים איז ליכטיק געווארן, ער איז גלייך צוגעגאנגען צו מיר, מיר אנגענומען ביידע הענט.

— קום, קום ווייטער, איך ווארט פאר דיר.

אויף מארגן איז מיר דער טאג געווען ווי ערב יום טוב. וועלכע קלייד אנטאן? די נייע מיט די טיולענע ארבל? ניין, ניט באשיידן גענוג. אנטאן די ווייסע? פאעטן האבן ליב ווייסע. ניין, אויך ניט. ער'ט מיינען כ'האב עס אנגעטאן צוליב אים. גאר אנטאן די שווארצע קרייפ-דע-שין קלייד מיטן ווייסן קאלנערל און מאנזשעטן? אי עס פאסט מיר זייער שיין, אי עס ווארפט זיך ניט אין די אויגן. די האר? פארפלעכטן אין צווי צעפ און ארומנעמען ווי א קרוין. עס איז פשוטער און שענער ווי יעדע אנדערע פריזיר.

מיטן גרעסטן אומגעדולד זיך קוים דערווארט אויפן אוונט.

אז ניומאן איז געקומען מיר נעמען בין איך שוין געווען אין גאנצן אנגעטאן און געווארט.

— זע נאר, ווי דו איילסט זיך. זאלסט זיך נאר ניט פארליבן אין אים, ער איז א געפערלאכער יונג.

ניומאן רעגט מיר אמאל אויף מיט זיין ריידן, מיט זיינע וויצן. היינט מער ווי אלע מאל. ער מיינט: אלע מענער קוקן אויף דער פרוי פון זיין שטאנדפונקט — זעען אין דער פרוי נאר די פרוי, ניט ווייטער. אבער ראיעווסקי? ווער נאך, ווי ער, פארשטייט און פארגעטערט די פרוי מיט איר גאנצע שיינקייט, מיט אירע דינסטע, איידעלע געפילן? ווער נאך פארשטייט אזוי טיף איר נשמה, אירע ליידן, אירע איבערלעבונגען און קינדערשע קאפריזן? די פרוי איז ביי אים דער סימבאל פון הייליקייט, די פאעזי אליין, די שיינקייט פון לעבן. נאר פאר איר בויט ער זיינע וואונדערלאכע צויבער שלעסער אין די העכסטע הויכן...

אז מיר זיינען געקומען צו די ניומאנס, איז דער זאל געווען העל באלויכטן. אין שטוב ווארים, איינגענעם. קיין פיל געסט זיינען ניט געווען. אלץ די אייגענע — באקאנטע. אלע מאל די זעלביקע פנימער, וואס איך טרעף זיי ביי די וועטשערינקעס, מיטינגען, פארזאמלונגען. נאר דארט זיצט עפעס

איינער אַ צעקנייטשטער, און אַ אָפּגעלעבטער, האָר לאַנגע, שיטערע, איינע דעריאָגט ניט די אנדערע, געלע גרויסע ציין, אויגן פאַרלאָשענע אָן אַ באַשטימטן קאָליר. ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט אַ ביינדל פון אַ פליגעלע, וואָס וויל זיך ניט אפּרייסן. עס ליגן נעבן אים גאָפּל און מעסער און ער רוקט די הענט מיט לאַנגע שמוציקע נעגל אין אייגענעם טעלער, אין צוקער פּושקע. זע אַ כאַפּן, אַ שלינגען, ווי ער וואָלט שוין פון יאָרן ניט געגעסן!

דאָ איז צוגעקומען ניומאַן, מיר גענומען אונטערן אָרעם און צוגעפירט צום אומבאַקאַנטן פּאַרשוין.

— ווערט באַקאַנט — דאָס איז די שענסטע מיידל ביי אונז און דאָס איז אונזער גאַסט, פרייִנט ראַיעווסקי.

ווען מען גיסט מיר פלוצים אָפּ מיט קאַלט וואַסער, וואָלט מיר געווען איינגענעמער. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם מיט אָן אָפענעם מויל און ווייט געעפנטע אויגן.

פאַרשטייט זיך אַז דער אָוונט איז מיר געווען אַ פאַרשטערטער. איך האָב מיר קיין אָרט ניט געפונען. עס האָט מיר שטאַרק ווי געטאָן. איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך, פאַר די אַרומיקע. מיר האָט זיך געדוכט — אַלע לאַכן פון מיר און מאַכן חוזק, כאָטש קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט.

אום קיינער זאָל ניט באַמערקן מיין אַנטוישונג, האָב איך זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו זיין פריילאַך. איך האָב געלאַכט און געשטיפט, ווי אַלע מאָל. אויף אים האָב איך מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן, כאָטש ער האָט צו מיר גערעדט, זיך געוויצלט, געוואָלט טרינקען נאָר פון מיין גלעזל. צום סוף בין איך מיד געוואָרן — דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, אין האַרץ — אַ מאָראַדיקע פּוסטקייט. איך בין אומבאַמערקט אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך אָוועקגעזעצט אין אַ פינצטערן ווינקל און זיך געוואָרגן מיט די טרערן. איך האָב זיך געפילט ווי אַ קינד, וואָס פאַרלירט פלוצים איר טייערע שפּילצייג.

באַלד האָב איך דערהערט, ווי ער און נאָך איינער זיינען אַרויס רויכערן, און האָב דערהערט זיין שטים:

— וואָס? זי איז שוין אַוועק אַהיים? אַ שיינע בחור'טע, נאָר אַביסל צו גדלות'דיק.

— יע, זי איז זייער אָן אינטערעסאַנטע מיידל, נאָר מיר האָבן צו איר קיין מזל ניט. זי איז זייער אַ שטאָלצע און צו קלוגע — מיר האָבן מורא פאַר איר.

— נאַ דיר אַ גראַשן פאַרן ווייבערשן שכל. מיר וואָלט שוין ניט גענומען לאַנג צו ווערן מיט איר נאָענט. איך וואָלט אייך געציייגט, אַז נאָך היינט וואָלט איך איר אָפּגעפירט אַ היים און דאָרט פאַרבליבן.

— דו האָסט דאָך פון שטענדיק אַ מזל צו שיינע מיידלאַך.

— עס איז ניט קיין מזל, מען דאַרף האָבן שכל.

איך געדענק ניט, ווי איך בין צוריק אַריין אין שטוב, ווי איך האָב זיך אָנגעטאָן. איך געדענק בלויז, אַז איך האָב זיך געפונען מיט אים אַליין אויפן וועג צו מיין שטוב. ער האָט גערעדט אָן אויפהער — שיינע לאַנגע

פראַזן. איך האָב געהערט, נאָר ניט פאַרשטאַנען. איך געדענק, ווי דורך אַ חלום, אַז ער האָט גערעדט וועגן לעבן, וואָס איז צו קורץ, מוז מען דאָס ביסעלע אויסנוצן, מען מוז אויסנוצן יעדע מינוט, יעדע רגע. איך בין אים נאָענט, ליב און האַרציק, ער פילט, ווי ער וואָלט מיר שוין געקענט יאָרן לאַנג... ווערטער, ווערטער... איך האָב ניט פאַרשטאַנען, נאָר געפילט אַז די האַרץ ווערט צופליקט... שניי־ווייסע שטאַרקע וואָלקנס פון מיין פאַלאַץ זיינען איינע נאָך די אַנדערע צופאַלען און געפּאַטשקעט זיך אין בלאָטע, איך האָב געפילט, אַז עס זינקט די ערד אונטער מיר. ווי אין אַ פיבער, ווי אין טשאַד בין איך געווען. דער שטיקל וועג האָט זיך מיר געצויגן ווי אין אייביקייט.

איך האָב אים געפילט נאָענט נעבן זיך און האָב מורא געהאַט פאַר אים ווי פאַר אַ העסלאכן מאַנסטער. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן הויז, האָב איך באַמערקט, ווי ער האַלט מיין האַנט און מיט אַ הינטיש בעטן קוקט ער מיר גלייך אין פּנים אַריין.

— ווען איר האָט גאָר ניט דאַגעגען, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אַרויף צו אייך טרינקען אַ גלעזל טיי און אַביסל פּלוידערן, עס ווילט זיך ניט זיין היינט אַליין.

דאָ בין איך אין גאַנצן צו זיך געקומען, כ'האָב אויפגעציטערט... פון זיך אַליין האָט זיך אויפגעהויבן מיין האַנט און אין דער שטומער פאַרשלאָפענער גאַס האָבן אָפּגעהילכט צוויי קלינגענדע פּעטש.

איך בין מיט די לעצטע כחות קוים אַרויף צו מיר אין צימער. מיט די זאַכן זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט און זיך היסטעריש פאַרנאַנדערגעוויינט...

כאַרבין, דעצ. 1917

דער שלימזלדיקער מיטאָק

די געליבטע מיינע איז געווען אַ מינוט די גרויס. מיט איין בלאָז וואָלט איך איר געקענט אומוואַרפן. פונדעסטוועגן האָט זי אין זיך געהאַט אַזאַ מין כח, ווי אַ כשוף, אַז מיר, דעם זעקספוסיקן, דעם צוויי־הונדערט פונטיקן, האָט זי געקענט ארומוויקלען אַרום איר קליין פינגערל.

אַז זי פלעגט אַ קוק טאָן אויף מיר, מיט אירע שוואַרצע הייסע אויגן, פלעגט מיר ווערן קאַלט אַרום האַרצן. און, אַז איך פלעג דערפילן איר קליינע ווייס הענטל אין מיין גרויסע לאַפע, פלעגט מיר אָנהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.

איך בין געווען נאָך אַ גרינער — אין גאַנצן אַ יאָר פינף אין לאַנד, זי אַן אַמעריקאַנערין, אַ הויך־שול געענדיקט, פונדעסטוועגן האָט זי מיר שטאַרק ליב געהאַט. די איינציקע שטערונג זיינען געווען אירע עלטערן. זיי זיינען געווען רייך, און האָבן געהאָפט פאַר זייער טעכטערל צו נעמען אַ לאָיער, אַ דאָקטאָר, ניט ביליקער, און דאָ האָט זי זיך איינגעשמועסט דווקא אָט דעם שניידער. זיינען ביי זיי אין שטוב פאָרגעקומען קריגערייען און סקאַנדאַלן. פלעגן מיר זיך טרעפן מערסטנס אין טעאַטערס, אדער רעסטאָראַנען. פאַרדינט האָב איך יענע יאָרן גוט און האָב קיין גוט טיימס איר ניט געזשאַלעוועט. צו אירע חברטעס פלעגט זי מיר אויך ווייניק נעמען, זי האָט זיך ווי געשעמט מיט מיר. זי האָט מיר אַלץ געהאַלטן אין איין לערנען און מושטשירן, ווי צו האַלטן זיך, ווי גיין, ווי שטיין. פון קיינעם וואָלט איך עס, פאַרשטייט זיך, ניט געדולדעט, נור פון איר איז מיר אַלץ ליב געווען.

זי פלעגט זיך אייגורען אין מיר, ווי אַ קעצל.

— מיין ביג הענדסאָם דאַרלינג. ביזט האָמעטנע, ווי אַ בער און דאָך האָב איך דיר שטאַרק ליב. — פלעגט זי זאָגן.

דאַרלינג, האַלט די נעפקין אויפן שויס.

דאַרלינג, נעם אַראָפּ די עלנבויגנס פון טיש.

און איך האָב אַלץ צוגענומען מיט אַ שמייכל.

דאָס ערגסטע איז געווען מיט מיין ענגליש. איך בין געגאַנגען אויף אוונט־קורסן און געריידט ענגליש גאַנץ גוט און פליסיק, אָבער די אויסשפּראַך, איבערהויפּט דער טה., און דער ר., כאָטש דער'הרג'עט מיך, קען איך דאָס ביז היינט ניט ריכטיג אַרויסריידן. ביי איר פלעגט זיך עס אַרויסקייקלען אַזוי חנוודיק זיס.

עס וואָלט שוין אַלץ געווען גוט און וואויל, ביז איינמאָל זאָגט זי מיר אָן מיט שמחה, אַז די מאַמע אירע האָט מיך איינגעלאַדן זונטיק אויף מיטאָק.

עס איז אַ גוטער סימן, זאָגט זי.

זונטיק האָב איך זיך אויסגעפּוצט און מיט האַרצקלאַפעניש, ווי אַ שול־אינגל צום עקזאַמען, בין איך אוועק. די האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז קיין גוטס וועט פון דעם וויזיט ניט אַרויסקומען.

ביים טיש האָב איך זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן. איך האָב ניט געוואוסט וואו די הענט אהינצוטאָן, אָבער מיין געליבטע איז געזעסן ביי מיין זייט

און מיט איר ליכטיקן שמייכל מיר אַלץ דערמאָנט.

מערסטנס האָט גערעדט איר פאָטער. מיר אַלץ פאַנאַנדערגעפרעגט. וויפל איך פאַרדין, פון וואַנען איך בין, ווער זיינען מיינע עלטערן. נאָכער האָבן מיר גערעדט וועגן פּאָליטיק. קענטיק, איך האָב געמאַכט אויף אים גראָדע אַ גוטן איינדרוק. די מוטער אָבער און מיין געליבטערס אינגערע שוועסטער האָבן זיך צו מיר פאַרהאַלטן סנאָביש און איבערטריבן העפלאַך. און אַ דאַנק מיין געליבטערס לערע האָב איך, דוכט זיך, אויסגעהאַלטן די טיש מאַניערן... ביז עס טרעפט זיך ניט דער אומגליק מיט דער הון.

די מוטער אירע האָט מיר דערלאַנגט עפּעס אַ גרויסן לענגלאַכן טעלער מיט צעשניטענע הון און עטלאַכע געבראָטענע קאַרטאָפל.

— העלפּ יורסעלף, זאָגט זי, פּליז.

— עפּעס זייער אַ גרויסער חלק, טראַכט איך און איך האָב דוכט זיך געזאָגט אויך:

— איטס ענטיירלי טו מאַטש.

האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט ווידער זייער העפליך:

— העלפּ יורסעלף, פּליז.

זע איך דאָך שוין, אַז מסתמא איז ניט שיין זיך צו אַנטזאָגן, האָב איך אַנגענומען דעם טעלער מיט ביידע הענט, אַוועקגעשטעלט נעבן זיך און גענומען עסן.

איך האָב נאָך ניט אַרונטערגעשלונגען דעם ערשטן ביסן, ווי איך האָב איינגעזען מיין שרעקלאַכן טעות: עס איז געווען אַ גאַנצע הון צעשניטן פאַר אַלעמען.

מיין געליבטערס שוועסטער האָט זיך אַזוי פאַרשטיקט פון געלעכטער, אַז דער זופּ האָט זיך ביי איר געגעבן אַ שאָס אַרויס פון נאָז און פון מויל און זי איז, וועדרגנדיק זיך, אַנטלאָפן אין קיך.

מיין געליבטע האָט געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזט און אַלע קאָלירן האָבן זיך איר געביטן אין פּנים.

און עס איז געוואָרן אַ דריקנדע שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורם.

די מוטער איז אין עטלאַכע מינוט אַרום אַרויס אין קיך און איך האָב דייטליך געהערט איר קול.

— אַזאַ גרינהאָרן, אַזאַ שניידערוק, ס'איז דאָך אונערטרעגלאַך, ס'איז דאָך גאָט ווייס וואָס!

צוריק איז זי געקומען מיט קאַווע. איך האָב זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק און כלומרשט געגעסן, זיך ווערגנדיק מיט יעדן ביסן.

דער פאָטער האָט געפּרובט אָנהאַלטן דעם געשפּרעך, אָבער עס האָט זיך מער ניט געקלעפּט.

איך בין אַוועק אַ צוקלעמטער אַ צווערגערטער.

מיין געליבטער האָב איך שוין מער ניט געזען.

איך האָב איר אָפּגערופן, אַ פּאָר מאָל אַליין געקומען, אָבער מיין געליבטע איז מער אין דערהיים ניט געווען.

אָט אַזוי איז די שענסטע ליבע אין מיין לעבן צעשטערט געוואָרן איבער אַ געבראָטענער הון.

סוף זומער

אין אַ הייסן זומערדיקן פֿאַרנאַכט בין איך געזעסן אין פּאַרק, אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל און געלייענט אַ בוך. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז קיין בלעטל האָט זיך ניט גערירט. די לופֿט איז געווען דורכזיכטיק און געשמעקט מיט האָניק.

אין אַלע גלידער האָב איך געפֿילט אַזאַ זיסע מידקייט, אַז איך האָב זיך געקליבן גיין. נאָר, אויפֿהויבנדיק די אויגן, האָב איך פֿון דער ווייטנס דערזען אַ רייצנדע פֿרויען געשטאַלט, שוועבענדיק אַנטקעגן מיר. מיט איין האַנט אין דער לופֿטן האָט זי מיר פֿריילאַך געגריסט.

אויף איין מאָמענט האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך חלום. נאָר די רייצנדע פֿרויען געשטאַלט איז אַזוי שוועבנדיק צוגעקומען נאָענט צו מיר און געבליבן שטיין, מיר אַנגעקוקט מיט אַן אָפֿן מויל און גרויסע פֿאַרוואונדערטע אויגן. זי איז באַלד צו זיך געקומען און מיט אַ ליכטיקן שמייכל זיך אָפּגערופֿן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן. איך האָב געהאַט אַ טעות. איך האָב אייך אָנגענומען פֿאַר מיינעם אַ פֿריינד, מיט וועמען איך האָב אָפּגערעדט זיך טרעפֿן אָט דאָ, אויף דער באַנק. איר קוקט אויס אַזוי ענלאַך.

און זי האָט זיך פֿריידיק צעלאַכט, זיך באַקוועם אוועקגעזעצט נעבן מיר.

עס איז געווען אַזוי אַנגענעם צו זיצן נעבן איר. עס האָט פֿון איר געשטראָמט מיט אַזויפֿיל פֿרייד, זי האָט געהאַט אַזאַ ליכטיק אויסזען, ווי ניט אַן ערדישע. ווי אַ זעאונג האָט זי מיר אויסגעוויזן. זי איז געווען ווי אַ טייל פֿון דעם פּראַכטפֿולן סוף־זומערדיקן פֿאַרנאַכט. די ערשטע צען מינוט האָט זי פֿריילאַך געפּלוידערט, געלאַכט. נאָכער איז זי געוואָרן ערנסטער, גערעדט פֿון איר פֿריינט.

איר ווייסט, זאָגט זי, ביז איך האָב דעם מענטש באַגעגנט, האָב איך זיך ניט געקענט פֿאַרשטעלן, אַז עס איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל פֿרייד אין לעבן. עס איז, אמת, פֿאַרבונדן מיט אַ סך ליידן, מיט אַ סך שטערונגען, אָבער היינט וועט זיך דאָס אַלץ ערליידיקן, פֿון היינט אָן איז ער אין גאַנצן מיינער. ער האָט מיר צוגעזאָגט.

דערנאָך איז זי געוואָרן שווייגענדיק. און אומרואיק מיטן שירעם געגראָבן נעבן זיך אין זאַמד און נערוועז געוואָרפֿן די שטיינדלאַך. מיר האָט זיך איבערגעגעבן איר אומרואיקייט, איך האָב געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך אין אַלע זייטן — אפֿשר גייט ער.

זי האָט זיך עטלאַכע מאָל אויפֿגעהויבן, זיך ווידער געזעצט און געהאַלטן אין איין קוקן אויפֿן האַנט זייגערל.

מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט איר ווידער פֿאַרינטערעסירן אין אַ געשפּרעך, עס זאָלן די מינוטן זיך ניט ציען אַזוי לאַנג. איך האָב גערעדט, וואָס ס'איז

געקומען מיר אויפן צונג, נאָר זי האָט קענטיק מיר גאָרניט געהערט: זי איז געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטע.

— ניין, ער וועט שוין מער ניט קומען, האָט זי געזאָגט. איר קול איז געווען אזוי יאָמערלאַך, אז עס האָט מיר פארקלעמט דאָס האַרץ.

איך האָב פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף איר און איך האָב מיינע אויגן ניט געגלויבט. — נעבן מיר איז געזעסן ניט די זעלביקע — נאָר עפּעס אַן אנדערע. די אויגן אויסגעלאָשן, אָן אַ פונק פון לעבן, די מויל ווינקלען ארונטערגעלאָזט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן אָן אַ וואָרט צו זאָגן און אוועק.

איך האָב איר נאָכגעקוקט: עס איז געגאַנגען אַן עלטערע פרוי, עטוואָס איינגעבויגן, די פיס האָבן זיך געשלעפּט איבערן זאַמד מיט אזא אומעט, מיט אזא יאוש, ווי מען גייט פון אַ לויה. עס האָט זיך געשלעפּט אַ שטיק צעבראָכען לעבן.

תל אביב, 1922

די ערשטע נאַכט אין סאַן־פראַנציסקאָ

קומענדיק אין סאַן־פראַנציסקאָ, האָב איך ניט געהאַט קיין אייגענע אָדער פריינט, חוץ דעם אַדרעס צו אַ באַקאַנטער פאַמיליע פּעטראָוו, וועלכע איך האָב שוין אויך אַ לאַנגע צייט ניט געזען.

איך בין אָנגעקומען אין דער פרי, געלאָזן מיינע זאַכן אויפן וואָקזאַל און זיך געלאָזט אַליין איבערן שטאָט. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גאַנצע אַוואַנטיורע, גוואַלטיק אינטערעסאַנט פאַר אַ יונגער מיידל, וואָס איז ערשט אַוועק פון דער היים. איך האָב זיך געפילט ווי אַ העלדין פון די ביכער: איינע אַליין אין אַ גרויסע פרעמדע שטאָט. איך האָב געשפּאַצירט איבער די הויפּט גאַסן, באַטראַכט די אויסשטעלונגס פענצטער פון די גרויסע געשעפטן, דערנאָך בין איך אַריין אין דעם פראַכטפולן גאָלדען־גייט פּאַרק און אַלץ האָט מיך אַנציקט. פאַרנאַכט ערשט בין איך געקומען צו מיין באַקאַנטער פאַמיליע פּעטראָוו, זייער האַרציקע ליבע מענשן. זיי האָבן מיר פריינטליך אויפגענומען, אַליין האָבן זיי געוואוינט אין איין צימער, האָב איך, פאַרשטייט זיך, מיט זיי ניט געקענט בלייבן און זיי האָבן מיר רעקאָמענדירט צו זייערע פריינט — אָלסענס, וואָס האָבן דאַן געהאַט אַ קליינע באָרדינג־הויז. פרוי פּעטראָוו האָט זיי גלייך אָפּגערופן און די אַלסענס האָבן אונז געבעטן גלייך קומען.

אויפן וועג דערציילט מיר מיין פריינדין, אַז די אַלסענס זיינען אין שטאָט אַ פּראָמינענטע פאַמיליע. ער איז דאַן געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ ראַדיקאַלע צייטונג, אַ פירער פון די אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען צו יענער צייט געווען גאַנץ אַקטיוו אין סאַן־פראַנציסקאָ. אַלסען איז געווען אַ נאָרוועגער אָבער זיין פרוי, עלען, איז אַ אידישקע און נאָך אַ ליטוואַטשקע דערצו. זי איז זייער אַ וואוילע און איך וועל זיך פילן ביי זיי, ווי אין דערהיים.

מיר זיינען אָנגעקומען פונקט צו וועטשערע,ביים טיש איז געווען אויסגעזעצט די גאַנצע משפּחה און עטלאַכע באָרדערס

די אַטמאָספערע אַ היימישע, אַ וואַרימע. איך האָב זיך באַלד געפילט ווי איינע פון דער משפּחה. די פרוי אָלסען איז געווען זייער אַ שיינע, אַ יונגע, אַ גראַציעזע, מיט שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן, פון אַריסטאָקראַטישן אויסזען. זי האָט אונז גלייך נאָכן עסן אַריינגעפירט ווייזן מיין צימער. דער צימער איז געווען אַ גרויסער מיט 4 פענצטער. אין מיטן צימער אַ גרויסער טיש מיט אַ שרייב מאַשין פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירן, צייטונגען און ביכער, וועלכע זיינען אויך געווען פאַרשפּרייט אומעטום — אויפן בעט, אויפן שטול, און אפילו אויפן דיל.

מרס. אָלסען האָט זיך פאַרענטפערט, וואָס עס איז אַזוי אָנגעוואָרפן.

— דאָ איז אַלסענס צימער, זאָגט זי. און ער האָט ניט ליב, ווען מען

צעלייגט די פאפירן אָן אים און אזוי ווי ער איז ניטא איצט אין דערהיים, וועט זי נאר איבערציען דאָס בעט און דאָס איבעריקע וועט זי איינאָרדענען מאָרגן. דער פרייז פון צימער איז געווען ערשטוינענד ביליק, און איך האָב מיט פרייד דעם צימער גענומען. מיין פריינדין, פעטראָוו, איז געווען איבערגליקליך, וואָס איך האָב ביי זיי פונקט געטראָפן אַ לייריקן צימער.

— איר ווייסט גאָר ניט ,מיין טייערע, זאָגט זי, וואָס פאַר אַ וואוילע מענשן זיי זיינען. איר וועט זיך דאָ פילן זייער גוט.

און זי איז אַוועק.

נאר בלייבענדיק אליין ביינאַכט אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ גרויסן האַלב ליידיקן צימער, איז די פרייד און די היימישקייט ביי מיר אין גאַנצן צעשוואומען — איך בין געבליבן נערוועז. ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט איך נאָכגעלאָפן און דעריאָגט מיין חברטע פעטראָוו. איך בין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ביים פענצטער און מיט אומצופרידנקייט געקוקט אויף דער אומגעלומפערטער בעט און ענדלאַך באַשלאָסן, אַז עס איז פאַרפאַלן. די נאַכט וועל איך איבערשלאָפן ווי עס איז, און מאָרגן אין דער פרי וועל איך זען, וואָס איך האָב צו טאָן. איך האָב זיך אויסגעטאָן און זיך געמאַכט פאַרטיק צום שלאָפן. איך בין צוגעגאַנגען פאַרשליסן די טיר, נאָר קיין שליסל איז אין טיר ניט געווען, בין איך אַריין צו מיין נייער באַלעבאָסטע און געבעטן איר פאַרשליסן מיר די טיר. האָט זי זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט.

— צו וואָס , זאָגט זי, דאַרפט איר פאַרשליסן די טיר? דאָ זיינען קיין פרעמדע מענשן ניטאָ. און די באָרדערס זיינען אַלע אייגענע יאַטן. איר דאַרפט גאָרניט מורא האָבן. איך האָב ניט קיין שליסל, אַז איך זאָל אפילו וועלן פאַרשליסן.

איך האָב זיך געשעמט אַרויסווייזן אויף וויפיל איך האָב מורא. בין איך אַריין אין מיין צימער, פאַרבאַריקאַדירט די טיר מיט דעם איינציקן שטול און זיך געלייגט שלאָפן. עס רעדט זיך אַזוי — שלאָפן. עס איז געווען אַ מין קאָשמאַר, ניט קיין שלאָף. איך בין געווען שרעקלאַך מיד פון דער רייזע און פון דעם גאַנצן טאָג שפּאַצירן און האָב די אויגן ניט געקענט האַלטן אָפן, בין איך איינגעשלאָפן און אַלע ווייל́ע זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק.

עס האָט געמוזט זיין אַרום צוויי אַזייגער, ווי איך האָב דערהערט טריט אויף די טרעפּ. די טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיין טיר. איך האָב דעם אָטעם פאַרהאַלטן... די טיר האָט זיך לאַנגזאַם גענומען עפענען, אומוואַרפנדיק מיין באַריקאַדע, און עס האָט אַריינגעשפּאַצירט אַפּריער אַ גרויסער בויך און דערנאָך אַ גראָבער עלטערער מאַן. איך האָב זיך ראַפּטאָם אויפגעזעצט און געוואָלט אַנהויבן שרייען, אָבער מיין קול איז געוואָרן ווי פאַראַליזירט פון שרעק. דער מאַן האָט מיר אַ ווייל́ע אַנגעקוקט, זיך גאַלאַנט פאַרנייגט און מיר געגעבן שלום עליכם.

—מיין נאָמען, זאָגט ער, איז אַלסען, און ווער זייט איר? מיין האַנט האַלט ער דערווייל́ע אין זיינער מיט אַזאַ פרייד, ווי ער וואָלט דעם גאַנצן לעבן זיינעם געוואַרט אויף אַזאַ מין באַגעגעניש.

דערהערט אַז דאָס איז אַלסען, בין איך אַביסל צו זיך געקומען, און

דערציילט אים, אַז איך האָב גענומען דעם צימער און זאָג אים מײַן נאָמען.

—א, זאָגט ער, אויב אַזוי, איז אַנטשולדיק מיך, וואָס איך האָב אײַך באַאומרואיקט. איך גיי שוין אַוועק.

איז, דאַכט זיך גוט, האַ? נעמט אָבער אָט דער פאַרשוין, וואָס רופט זיך כלומרשט אַלסען, טוט אויס זײַן רעקל, הענגט עס אויף זאַרגפעליג אויפן שטול, און נעמט זיך אַראָפּ דעם שניפּס, און אויך די וועסט.

איך בין געוואָרן אַ פאַרציטערטע, די ציין קלאַפּן זיך... און איך זאָג:

— מר. אַלסען, אויב איר וועט די מינוט ניט אַרויס פון דאַנען, וועל איך מאַכן אַ גוואַלט. איך וועל אָנהויבן שרייען.

— שרייען? — ענטפערט ער, — וואָס דאַרפט איר עפּעס שרייען, איך האָף, אַז איר האָט ניט קיין מורא פאַר מיר, איר שרעקט זיך, וואָס?

און שמייכלט אַלץ, קוקנדיק אויף מיר, ווי איך זיץ מיטן ליילאַך ביזן האלז מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן פאַר שרעק.

— איך גיי שוין אַוועק, — זאָגט ער, — אודאי גיי איך אַוועק.

נאָר אַנשטאָט אַוועקגיין, גיט ער זיך מיט זײַן גאַנצער שווערקייט אַ זעץ אויף מײַן בעט און הויבט אָן אויסטאָן די שיך.

פאַרשטייט איך שוין, אַז דאָס איז געווים אַ גענגסטער... וואו בין איך דאָ אַרײַנגעפאַלן?... איך בין געוועזן ווי אַ געחלשטע פון שרעק. וואו האָב איך גענומען כחות, ווייס איך ניט, נאָר איך האָב געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פון בעט, אַרײַנגעלאָפן אין קאָרידאָר און גענומען שרייען: מרס. אַלסען! כאַטש איך האָב פון איר אויך ווייניק הילף ערוואַרטעט.

זי איז תיכף אַרויס, מיר אַרומגענומען און אײַנגערואיקט.

— דאָס איז טאַקע מר. אַלסען, זאָגט זי, נאָר ער מוז זײַן פאַרשנאַשקעט. ער טרינקט אַמאָל מער ווי ער דאַרף.

קורץ, זי האָט מיר אַרײַנגענומען צו זיך, ווייל ער איז גלייך אײַנגעשלאָפן אויף מײַן בעט ווי אַ דער׳הרג׳עטער, און מען האָט אים פאַר קיין פאַל ניט געקענט דערוועקן.

אויף מאָרגן איז ער אַרײַנגעקומען מיט אַ ליבן גוטמוטיקן פּנים, מיט אַ האַרציקן שמייכל, זיך באַגריסט אויף אַ אייראָפּעאישן אופן, מיר געקושט די הענט און זיך אַנטשולדיקט פאַר דער בײַנאַכטיקער שרעק.

ניו יאָרק, אויגוסט, 1923

פייגעלע

איין זומער פארנאכט איז פייגעלע אריינגעפלויגן אין שטוב אן אויפגע־רעגטע, א פארדרויטלטע, מיט פערלדיקע טרערן אין אירע שיינע בלויע אויגן. די מוטער איז צוגעלאפן א דערשראקענע, גענומען אויספרעגן:

— וואס פייגעלע? וואס קינדעלע? ווער האט דיר באליידיקט?

פייגעלע האט ארויסגעפלאצט אין א געוויין און, קוים דעם אטעם כאפענדיק, האט זי געכליפעט:

— מאמעלע, איך האב ניט קיין „סוויטהארט". איך וועל שוין קיינמאל ניט קענען חתונה האבן. און אויסגערעדט האט זי עס מיט אזא פארצווייפלונג, אז די מוטער האט אויפן מאמענט ווירקלאך געפילט, ווי עס וואלט עפעס אן אומגליק געשען. נאר זי איז שנעל צו זיך געקומען, זיך הארציק צעלאכט, גענומען איר פינף־יאריקע טאכטערל אויף די הענט, צוגעטוליעט צו זיך און איינשטילענדיק איר געפרעגט.

— פייגעלע, פון וואנען ווייסטו, אז דו האסט ניט קיין „סוויטהארט"? און ווער האט דיר געזאגט, אז מען דארף חתונה האבן?

פייגעלע, נאך אלץ דורך טרערן, אבער שוין רואיקער האט דערציילט, אז שפילנדיק זיך מיט אירע חברטעס סילווע, רוט און מילדרעד, האבן יענע זיך מיט איר געררייצט, אז זיי האבן „סוויטהארטס". איינע האט א ברודערל, איינע האט א קוזין און איינע — דעם שכנ׳ס איינגעלע, אבער זי, פייגעלע, האט ניט קיינעם, אפילו מיט איר קוזין עזי איז זי היינט אויך ברוגז, און ווידער איז זי געוואָרן אויפגערעקט.

— איך בין „מעד" אויף זיי, — האט זי געכליפעט — איך וועל זיך מער ניט שפילן מיט זיי, ווייל זיי זיינען שלעכטע.

די מוטער האט איר איינגערואיקט, אנגעקושט און אביסל שפעטער געפרעגט:

— פייגעלע, דו האסט ליב דיין מאמא?

— יא, מאמא, בעסער ווי אלעמען אין דער גאנצער וועלט!

זי האט זיך שטארק איינגענורעט אין מאמעס שויס.

— ווילסטו, פייגעלע, איך זאל זיין דיין סוויטהארט?

פייגעלע האט אויפגעהויבן א פאר גרויסע פארוואונדערטע אויגן, א ווײַלע געשוויגן און דערנאך מיט שמחה ארויסגערעדט:

— יא, מאמעלע! און דו ווילסט זיין מיין סוויטהארט?

— געוויס טאכטערל, אז דו וועסט נאר זיין א גוטע מיידעלע און וועסט פאלגן.

אויף די רייד איז אנגעקומען פאפא, און פייגעלע האט א גליקלאכע אים דערציילט די גאנצע מעשה.

פּאָפּאַ האָט זייער געלאַכט און געזאָגט:

— פֿייגעלע, דו ווייסט, מאַמאַ האָט שוין חתונה געהאַט, און איך בין דאָך איר סוויטהאַרט. נאָר פֿייגעלע איז שוין געווען צו פֿול מיט איר גליק, עס זאָלן איר ערגערן אַזעלכע נאַרישקייטן.

— דאָס איז גאָרניט, פּאַפּעלע, זאָגט זי, וועלן מיר אַלע דריי זיין סוויט־האַרטס. און שטיפעריש האָט זי שנעל אַרומגענומען פּאַפּאַ און מאַמאַ, צוגעפרעסט אירע ליבע בעקעלאַך צו מאַמאַס און פּאַפּאַס פּנימער, זיי ביידע גוט אויסגעקושט און באַרואיקטע און צופֿרידענע, וואָס זי האָט שוין צוויי סוויטהאַרטס, איז זי מיט אַ זיסן שמייכעלע איינגעשלאָפֿן.

טשאַטאַנוגאַ, טענ. 1924

עטעלס דורכפאַל

עטל האָט זיך אַ פּאָר וואָכן געגרייט צום קינסטלער־באַל. זי האָט אַליין גענייט זיך אַ קלייד און אויף דער קלייד איז געשטאַנען די גאַנצע וועלט. עס האָט געדאַרפט זיין עלעגאַנט און אין דער זעלבער צייט באַשיידן, אָריגינעל. דער עיקר אָריגינעל.

דעם אָוונט פון באַל איז עטל אַהיים געקומען פריער פון דער אַרבייט. זי האָט געדאַרפט באַזאָרגן אַ סך קלייניקייטן און זי האָט נאָך ניט באַשלאָסן, צי זי זאָל אָנטאָן די גרינע אויערינגלאַך, וואָס ברענגען אַרויס דעם גרינעם גלאַנץ פון אירע אויגן, אָדער די מאַטעווע, זילבערנע, וואָס קומען צוזאַמען מיט'ן בראַסלעט. דערצו האָט זי געדאַרפט נאָך גיין זיך אונטערשערן און נאָכדעם האָט זי געוואָלט זיך אַביסל צולייגן אָפּרוען.

זי האָט אָנגעמאָסטן צום וויפלטן מאָל איר נייע קלייד און איז אַרויס צופרידן. זי האָט אָנגעמאָסטן די גרינע, די זילבערנע און ווידער די גרינע אויערינגלעך און באַשלאָסן צו גיין אינגאַנצן אָן אויערינגלעך: זשוק און זשאַבע טראָגן איצטער אויערינגלעך.

אויף גיך איז זי אַראָפּגעלאָפן אין נאָענטן ביוטי פּאַרלאָר זיך אונטערשערן. דער באַרבער, זייער אַ פריינטלאַכער, רעדעוודיגער יונגערמאַן, האָט שערנדיג די האָר, איר געגומען איינרעדן צו מאַכן אַ „וועיוו", זי וועט אויסזען רייצנד; אירע האָר זיינען ווייך און פלאַך, און אויב זי וויל ניט אַ שטענדיקן וועיוו, זאָל זי פּרובירן אַ „וואַסער־וועיוו", אָט דאָס איז גאַנץ אומשעדלאַך, און מען קען עס צו יעדער צייט פאַרנאַנדערקאַמען. זי וועט אויסזען וואונדערבאַר. זאָל זי פּרובירן. דער פּאַרלאַנג אויסצוזען שיין איז געווען שטאַרק, באַזונדערס היינט.

היינט מוז זי איבערצייגן אָט דער נאַרישער ציג, אָט דער פלאָרענס, אַז מיט איר רייצט מען זיך ניט. היינט וועט זי איר ווייזן, אַז דייוו איז אירער. אמת איז, אַז פלאָרענס איז אינגער און שענער, אָבער שכל האָט זי ווי אַ קאַץ. איר געשמאַק איז ביליק, שרייענדיק. דייוו האָט אַ פּאָר מאָל געלאַכט פון איר: אַז נאָר זי שמירט זיך, נאָר זי פּוצט זיך.

— אַ שיין קעפּל, נאָר פּוסט, — האָט ער געזאָגט.

פלאָרענס ווייס, אַז אַלע פרויען האָבען איר פיינט. זי באַרימט זיך מיט דעם, און דאָס איז אַ סימן, הייסט עס, אַז אַלע מענער זיינען אין איר פאַרליבט.

היינט וועט זי שוין אָבער איר ווייזן, אַז דייוו וועט זיך אויף איר אפילו ניט אומקוקן.

דער באַרבער מאָלט דערווייל מיט זיין גלאַטן צינגל. פון ערפאַרונג קען ער שוין זיינע קליענטן. ער זעט, אַז זי ישוב'ט זיך, האָט ער שוין אָנגעווענדט זיין גאַנצן טאַלאַנט. און איידער וואָס ווען, איז זי שוין געווען איינגעקערפּערט

אין קעמעלאַך, אין אַ וואַלקן פּאַרע, אַ קלאַפּעריי פון עלעקטרישע מאַשינען. דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר געוואָרפן ווי ביי אַ געשאָכטענע טויב. זי איז געווען אין איין שרעק, ווארים זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין „וועיוו״.

און דער באַרבער רעדט נאָך אַלץ: אפשר אַ מעניקיור, אפשר אַ מאַסאַזש? דאָס איז דאָך פשוט אַ נויטווענדיגקייט. זי וועט אויסזען ניט אַזוי בלאַס, ניט אַזוי מיד. עס וועט איר צוגעבן אַ סך פרישקייט.

זי איז טאַקע באמת געווען אַזוי מיד; און אונטער דער אנשטרענגונג פון זיין אַנאַויפהערנדיקן ריידן האָט זי פשוט קיין כח ניט געהאַט צו אַנטזאָגן אים, צו פּראָטעסטירן, און ער האָט זיך תיכף גענומען צו איר געזיכט, געקנאָטן, געקניפּן, געפּאַרעט מיט הייסע האַנטיכער, נאָכער מיט קאַלטע, און די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן איר אין איין פּאַרזיכערן, אַז זי וועט אויסזען רייצנד. דערווייל האָט זי גע׳פּטר׳ט באַלד צוויי שעה. ווען זי איז אַהיים געקומען, איז זי שוין געווען נערוועז, אָנגעשטרענגט, קיין צייט צו רוען איז שוין נישט געווען. דייוו דאַרף יעדע מינוט קומען.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל און האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף די גרייזעלאַך. עס האָט איר געמאַכט אויסזען אַלט, ניט נאַטירלאַך, ווי אין אַ פּאַרוק. זי האָט שוין געוואָלט זיי פאַנאַנדערקאַמען, אָבער זי האָט זיך געשראָקן, אַז דייוו זאָל ניט אָנקומען. האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט זיי שוין פאַנאַנדערקאַמען, קומענדיק אין האָל.

דייוו האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר דאָרט באַקענען מיט איניגע באַקאַנטע מאָלער, מוזיקער און קינסטלער. אָבער פּלאָרענס, ווי קומט זי אַהין? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי בכלל מיט׳ן קינסטלער באַל? מ׳שטיינס געזאָגט, ווער וועט זיך דאָרט אויף איר אומקוקן?...

מען קלינגט...

— דייוו? שוין? אַ פּאָר מינוט און איך בין פאַרטיק...

זי וואַרפט אַרויף אויף זיך דאָס ווייכע היטעלע עס זאָל זיך ניט אָנזען די גרייזעלאַך. דייוו האָט שוין אָבער יאָ באַמערקט און האָט, דוכט זיך, לייכט אַ שמייכל געטאָן. ניין, עס האָט זיך איר נאָר אויסגעדאַכט.

— אַ נייע קלייד, עטל? — אַנו לאָזט עס אָנקוקן.

— ניין, וואָס פאַר אַ נייע? — לייקנט זי און רויטלט זיך אונטער זיינע פאַרשנדע בליקן. אָבער דייוו רעדט שוין וועגן עפּעס אַנדערש, העלפט איר אָנטאָן דעם מאַנטעל און געאַרעמט און פריילאַך פלוידערנדיג קומען זיי אַריין אין זאַל.

דער זאַל איז שוין געווען געפּאַקט. די מוזיק האָט זיך געטראָגן פון די אָפענע פענצטער. עטל האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דייוו׳ן אים געלאָזט וואַרטן אין דער לאָבי, און אַליין איז זי אַריין אין דער פרויען־אָפּטיילונג, אום וואָס שנעלער פאַנאַנדערצוקאַמען די גרייזלאַך. זי האָט זייער ניט געוואָלט, אַז דייוו זאָל וויסן, אַז זי האָט צוליב דעם באַל זיך געלאָזט גרייזלען די האָר. זי איז דאָך נישט פלאָרענס. אָבער די גרייזלעך זיינען איינגעקאַמט. וואָס קאָמען? פאַרקערט, וואָס מער זי קאַמט זיי, אַלץ איינגע׳עקשנ׳טער ווערן זיי. פאַרפּאַלן.

אָבער גאָט מיינער, שרייט זי אויס מיט שרעק. וואָס איז דאָס? דער גאַנצער פּנים איז אין רויטע פּלעקן און ערטערווייז פאַרשוואָלן, איבערהויפּט אַרום די אויגן. פון מאַסאַזש? געווים פון מאַסאַזש. איר געזיכט איז ניט געוויינט צו אַזאַ ענערגישן קנעטן און קנייפּן, און לייגן הייסע און קאַלטע קאָמפּרעסן. וואָס טוט מען? שלעכט. זי וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך אַרויס־גע׳גנב׳עט און אַנטלאָפן אַהיים, אבער דייוו וואַרט פאַר׳ן טיר. פאַרפאַלן, זי מוז אַרויס.

זי האָט זיך אַנגעפּודערט. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט. דייוו איז געשטאַנען ביים טיר אַן אומגעדולדיגער, אַז זי איז אַרויס, האָט ער אין דעם ערשטען אויגנבליק איר גאָר נישט דערקענט, נאָר אַז זי האָט רחמנות׳דיג אַ שמייכל געטאָן צו אים, איז ער דערשראָקן צוגעלאָפן צו איר און געפרעגט, וואָס עס האָט פּאַסירט.

— גאָרניט, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס הייסט גאָרנישט. איר האָט געוויינט, עטל? אייער געזיכט איז פאַרשוואָלן פון וויינען.

—ניין, — עס מוז זיין פון דעם ווינט. זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז עס איז פונ׳ם מאַסאַזש.

אין זאַל, אונטער די בלענדנדע ליכט פון אָן אַ שיעור לאָמפּן, איז עטל׳ס באַשיידענע קלייד, אין פאַרגלייך מיט אַלע עלעגאַנטע, רייכע אוונט־קליידער, געווען אַזוי וואָכעדיג, אַזוי נישטיג, אַז זי האָט זיך געפילט קליין, ווי אַ וואָרים. זי איז געווען אַזוי צעקלעמט, אַזוי געערגעט, אַז זי האָט מורא געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט, זי זאָל זיך ניט צעוויינען.

דייוו האָט איר גענומען אונטער׳ן אָרעם, געוואָלט צופירען צו אַ גרופּע באַקאַנטע, נאָר זי האָט אים שטיל געבעטן:

„ניט איצט, אַנ׳אַנדערש מאָל“.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט צו אַ ליידיקן טישל. דער געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט, און דייוו האָט אויף איר געוואָרפן פון דער זייט פאַר׳גנב׳עטע רחמנות׳דיגע בליקן.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין באַגריסן מיט באַקאַנטע, ער האָט איר פאַרגעשלאָגן טאַנצן, נאָר זי האָט זיך אַנטזאָגט. זי האָט זיך געפילט אַזוי נידערשלאָגן, אַזוי אומגליקלאַך.

אנטקעגען זיי, צווישען די טאַנצנדיקע, האָט פאַרביי־געשוועבט פלאָרענס, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ פויגל, ווי אַ שמעטערלינג. אין אַ שוואַרצער סאַמעטענער דעקאָלטירטער קלייד. אירע נאַקעטע אָרעמס און די פּלייצע האָבן שימערירט פון ווייסקייט. זי האָט אויסגעזען רייצנד. לייכט און שטיפעריש איז זי צוגעשוואומען צו זיי, און אָנקוקנדיג עטלען האָט זי זיך צעלאַכט:

— עטעל, איך האָב דאָך אייך גאָר ניט דערקענט! ווי אויסגעפּוצט! אַ נייע קלייד? און אפילו אַ „וועיוו“! גוט, עטל, איך האָב פון אייך נחת. אבער אָן די גרייזלאַך זייט איר אַ סך שענער.

זי האָט דאָס פּשוט געזאָגט אַפּנהאַרציג, נאָר עטל'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי וויל איר בכיון ווי טאָן. האָט זי נאָר אַנגעקוקט מיט שטעכיקע בליקן און האָט גאָר ניט געענטפערט.

פלאָרענס האָט זיך קאָקעטיש געגעבן אַ דריי אויס צו דייווי'ן. —איר טאַנצט, דייווו? און זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע אַרעמס. דאַכט זיך, נאָר די אַרעמס, אָבער אין דער אמת'ן האָט זי אויסגעשטעלט איר רויטן קליינעם מיילכל, די ווייסע ציין, דעם גאַנצן גוף מיט די שמאָלע היפּטן, אירע קליינע שטייפע בריסטעלאַך. זי האָט זיך געגעבן אַ נויג און איז ווי פאַר'חלש'ט אַריינגעפאַלן צו דייווי'ן אין די אַרעמס.

ביי עטלן איז דער מח ווי פאַרגאָסן געוואָרן מיט הייסן בליי; און ווען זיי פאַרשווינדן ניט ביידע שנעל, זיך וויגענדיג איבער'ן זאַל, וואָלט עפּעס שרעקלאַכעס פּאַסירט.

עס איז איר געוואָרן פינצטער. פאַר אירע אויגן האָט זיך געטראָגן פלאָרענס'עס געשטאַלט מיטן ווייסן לאַנגן האַלז און חוצפה'דיגן שמייכל.

ניו יאָרק, 1925

צוויי חבר'טעס

ווען מירל קומט צו איר חבר'טע, די עלקינס, פילט זי זיך, ווי זי וואָלט נאָך אַ לאַנגער שווערער רייזע ענדלאַך געקומען אַהיים.

די האַלב־אַרונטערגעלאָזענע שטאָרן, די ווייכע טעפּיכער, די ווייכע מעבל, אַלץ איז דאָ אַזוי געמיטלאַך. פון יעדן ווינקעלע שטראָמט אַזאַ רו־איגקייט, אַזאַ איינגעפונדעוועטע זיכערקייט.

איבערהויפּט פון עלקינ'ען אַליין — אַ הויכער, אַ שיינער מיט ברייטע פּלייצעס. נאָר זיצן נאָענט לעבן אים, קען מען שוין, דאַכט זיך, זיין באַשיצט פון אַלע שטורמס, פון אַלע געפאַרן.

זיין אינטערעס צו יעדער קלייניקייט אין שטוב, זיין אויפמערקזאַמקייט צו בעלאַ'ן, איז, וואָס מירלען געפעלט אַם מערסטן.

ווען בעלאַ קלאָגט זיך פאַר איר, אַז עס איר דערעסן אָט די רייכע שטוב מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, וואו אַלץ מוז זיין פּינקטלאַך אויפ'ן זייגער, קוקט מירל אויף איר חבר'טע, ווי מען קוקט אויף אַ קינד, אַ צובאַלעוועטע, וואָס ווייס אַליין ניט וואָס זי וויל פון צו פיל וואוילטאָג...

— איך וואָלט זייער וועלען אפּשערן די האָר, איך וואָלט זיך געפילט לייכטער, פרייער, לאָזט ער ניט, עלקין. ער זאָגט, אַז איך קוק אויס ווייכער, ווייבלאַכער מיט די לאַנגע האָר, — קלאָגט זיך אַלץ בעלאַ.

און מירעלע טראַכט מיט פאַרדראָס, אַז פון חיים'ס וועגן וואָלט זי זיך נעקענט אפילו אָפּגאָלען אויך, און ער וואָלט דאָס אפילו ניט באַמערקט. ניט דערפאַר, ווייל ער האָט איר פיינט, חלילה. זיי זיינען שוין פאַרהייראַט פופצן יאָר און ער קוקט איר נאָך אַלץ אין די אויגן, קושט איר די הענט און מיט ליבשאַפט זאָגט ער:

— מירעלע, ביזט שיין ווי אַ מאַדאָנע.

אבער ער איז גלאַט אַ צוטראָגענער, אַ טרוימער. ער שרייבט איצט אַ פּיעסע, איז ער זיכער, אַז עס איז אַ מייסטערווערק, כאָטש עס ליגען שוין ביי אים פעק מיט מאַנוסקריפּטן, וואָס קיין פאַרלעגער וויל ניט אננעמען.

— אבער דאָס מאָל, מירעלע, איז עפּעס אַנדערש, — זאָגט ער, — דאָס איז אַ ווערק, וואָס וועט מאַכן אַ רושם אין דער ליטעראַרישער וועלט. דערפאָלג ן סוקסעס ן נאָכדעם, מירעלע, מאַכן מיר אַ רייזע אַרום דער וועלט: אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, פאַנטאַזיעס, פּלענער. ער רייכערט איין סיגאַרעטל נאָכ'ן אַנדערן, די שטוב איז פול מיט רויך און מיט אַש. ווען זי גייט ניט שטענדיג נאָך אים נאָך, וואָלטן זיי, דוכט זיך, ביידע פאַרשאָטן געוואָרן אונטער אַ באַרג אַש.

מיט זייערע אָרימע פאַרדינסטן טוט זי אויף ממש וואונדער. דער דלות איז אַזוי קינסטלעריש פאַרדעקט און פאַרפּוצט, אַז אַ זייטיקן קען זיך דוכטן

עס איז בכיון אַזוי פאַרשטעלט זיך אָרים, כדי צו זיין באַהעמיש. ווייל מירעלע אַליין קוקט אויך אויס, ווי זי וואָלט געווען אַ פּרינצעסין, נאָר צוליב עפּעס אַ קאַפּריז, האָט זי זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּשוט׳ע הויז־פרוי. פון שטיקלאַך און ברעקלאַך מאַכט זי זיך דאָס שענסטע קלייד. אַלע באַוואונדערן זי, נאָר חיים ניט, ער נעמט אַלעם אָן, ווי עס וואָלט באַדאַרפט אַזוי זיין און ניט אַנדערש.

איר איז ליב די היים און יעדער ווינקעלע. אַז זי נייט אויף אַ פאַרהאַנגל, אַ שיין קישעלע און צייגט עס אים, קוקט ער איר אָן און גיט נאַכלעסיג אַ זאָג:

— מנע, נאָך אַ שמאַכטע.

איינמאָל זאָגט זי:

— חיים, אויב דו ווילסט מיר זאָלן גיין היינט צום באַנקעט, דאַרפסטו זיך צואיילן. נאַ דיר אַ ריינע העמד, ראַזיר זיך שנעל, ווייל עס ווערט שפּעט.

קוקט ער איר אָן מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל און זאָגט:

— נאַרעלע, ווער וועט דאָרטן דען זיין? אַלע חברים, אַלץ אייגענע מענטשן. איך דאַרף זיך פּוצן פאַר זיי, וואָס?

און אַז ער דאַרף גיין ערגעץ צו אומבעקאַנטע, און זי זאָגט אים דאָס אייגענע, זאָגט ער:

— ח׳ווייס פרעמדע מענטשן. איך קען זיי ניט. און ווייס זיי ניט, וועל איך גיין זיך פּוצן פאַר זיי? משוגע?

גייט ער אַרום אַזוי מערסטנס ניט קיין ראַזירטער, אין אַ ברודיק העמד. נאָר שטענדיג אין אַ גוטער, געהויבענער שטימונג. עפּעס שטראָמט פון אים אַן אינערלאַכע יום־טוב׳דיגקייט, אַ קוואַל פון באַגייסטערונג. פון ערשטן טאָג פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט ער איר צוגעצויגן אָט מיט דער קינדערשער התפעלות, נאַאיווע פּלענער און פאַנטאַזיעס. דערווייל איז דאָס דירה־געלט ניט באַצאָלט. חובות איבער׳ן קאָפּ. חיים רויכערט און חלומ׳ט פון ווייטע לענדער, לאַנגע רייזעס, דערפאָלג און סוקסעס; ער קוקט איר אַלץ אין די אויגן, מיט ליבשאַפט קושט ער זי אין די הענט און זאָגט:

— מירעלע, ביזט שיין ווי אַ מאַדאָנע.

אַזוי פון ערשטען טאָג, וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט. פּופצן יאָר אַש און רויך. רויך, רויך...

* * *

מירעל׳ס חבר׳טע, בעלא, איז יונג און שיין און רייך. נאָר אומגליקלאַך, זייער אומגליקלאַך.

זי האָט אַ סך מאָל געקענט זיין באַרימט און גרויס, ווייל זי איז אַ קינסטלערין, אין דעם איז זי זיכער. אַבער עס איז אַלע מאָל געווען עפּעס אַ שטערונג. דאָס מאָל איז עס עלקין.

עלקין האָט זי ליב, נאָר ער האָט אויך ליב אַ היים. ער האָט ליב ווען ער קומט אַהיים נאָך אַ טאָג אָנשטרענגונג אין געשעפט, אַז בעלאַ זאָל אים באַגעגענען מיט אַ שמייכל, זי זאָל האָבן גרייט זיינע שטעק־שיך, עס זאָל זיין גרייט דער טיש מיט׳ן געפּרעסטן טישטוך. ער האָט ליב היימיש־געמאַכטע

מאכלים, אייגענע געבאקטע קוגעלאך.

ביי בעלא'ן איז דאס אלץ אן אפקומעניש. זי האפט, אז עס איז נאר אויף דערוויל, ווייל עפעס — וואס, ווייסט זי אליין ניט קלאר — עפעס גרויסעס וועט געשען. עפעס באדארף און מוז קומען. אט־אט.

בעלא האט גרויסע, קינדערישע בלויע אויגן, וואס קוקן אויף אלץ מיט חידוש, מיט וואונדער, מיט אנטציקונג. זי האט א פיינע שטימע, זי שפילט פיאנא און זי האט אמאל געטרוימט פון א מוזיקאלישער קאריערע, אבער עס איז איר שנעל מיאוס געווארן.

זי האט זיך גענומען צום מאלן. עס האבן זיך געפונען מבינים, וואס האבן איר פארזיכערט א צוקונפט. זי איז געוועזן באגייסטערט — פארבן ! פארבן ! וואס פאר א כשרון אלע שטימונגען: שטילן אומעט, שטארקע שטורמס, אלץ קען מען אויסדריקן מיט פארבן. נאר עס האט אויך ניט לאנג אנגעהאלטן. עס האט זיך ווידער אויסגעלאזט מיט גארניט.

איצטער איז איר באהאלטענער וואונש — די בינע. אך, ווען זי קריגט עס נאר די געלעגנהייט צו איבערצייגן און דערוויזן איר טאלאנט. ווייל זי איז זיכער, אז זי איז געבארן נאר פאר דער בינע. און זי טרוימט שטילערהייט פון האליוואוד. אבער עלקין ווייסט פון גארניט. ער פארשטייט ניט אירע קאפריזן, אירע שטימונגען. אליין איז ער א ניכטערער, א רואיקער.

און ווען זי ציט זיך, ווי א שמעטערלינג, צו אלע פייערן, אבי פארברענט ווערן ; ווען זי איז פארטראכט און שפאצירט אין די וואלקנס פון אירע פאנ־טאזיעס, הערט זי פון ערגעץ זיין קול :

— בעלא, די נאפלען לייגנסטו שטענדיג אויף דער רעכטער זייט און די מעסערס אויף דער לינקער, ווען עס דארף זיין פארקערט. בעלא, דעם טארט האסטו געדארפט שניידן מיט א הייסן מעסער, ברעקעלט זיך עס ניט.

זי הערט אפילו ניט וואס ער רעדט. זי האט פיינט אט די אלע פינקט־לאכקייטן. עס איז איר דערווידער דער קנייטש פון זיינע הייזען, זיינע מאניקוירטע נעגל. א מענש זאל זיך אפגעבן מיט אזוי פיל קלייניקייטן !

דערפאר, אז זי פאלט אריין צו מירלען, איז זי פשוט זיך מחיה. דארט איז שטענדיק טומלדיק, ראשיק, מען קומט, ווען מען וויל, אפילו נאך האלבע נאכט איז מען דארט אן אנגעלייגטער גאסט. דארטן איז די ריכטיקע אטמאס־פערע, געדיכט פון רויך און טומל, אלע ריידן אויף איינמאל. מען הערט, דאכט זיך, ניט איינעם דעם אנדערן. איינער קאכט זיך וועגן בירא בידזשאן, א צווייטער וועגן קונסט, פראלעטארישע ליטעראטור. מען טרינקט טיי שטייענדיקערהייט און זיצנדיק אויפ'ן דיל, מען מישט אלע מיט איין לעפעלע.

די ריכטיגע שמחה הויבט זיך הערשט אן, ווען מירל דערלאנגט ברויט און הערינג און קארטאפל מיט די שאלאכץ, מיט דעם טאפ אויפ'ן טיש. מען כאפט מיט די הענט. ניטא קיין גאמפל, ניט אויפ'ן רעכטן און ניט אויפ'ן לינקן זייט. מען זינגט אידישע פאלקס־לידער פון מלך סאבעצקי'ס יארן. עס איז יום־טוב'דיג, אינטערעסאנט, גוואלדיק אינטערעסאנט. און בעלא איז מירלען מקנא.

ווען מירל קלאָגט זיך אמאָל, אַז עס איז איר דערעסען, עס איז איר מיאוס געוואָרן, אַלע מאָל דאָס זעלבע, טומעל און רויך און רייד, רייד, אָן א שיעור רייד, זי וואָלט געוואָלט ערגעץ אנטלויפן, זיך אפּרוהען, זיין אליין, קוקט איר בעלאָ אָן, ווי מען קוקט אויף א צובאַלעוועטע קינד, וועלכע ווייסט אליין נים, וואָס ער וויל פון צופיל וואוילטאָג...

ניו יאָרק, 1935

אינהאַלט פון צווייטן טייל
לידער:

דאָס צויבער לאַנד — 3
ווען איך וועל ניט זיין — 4
אויפן ראַנד — 5
עס איז מיר ליב — 6
מיינע טעג — 7
וואָס דאַרף איך מער ? — 8
קום, מידער . . . — 9
ניט זאָג מיר — 10
געננוג — 11
אפילו טויט — 12
די אויגן דיינע — 13
גליק — 14
אין דיין חלום — 15
„ליבע“ — 16
ווי אַ חלום — 17
נאָך שווערער — 18
וואָס דאַרפסטו פראַזן — 19
איך וויל דיר ניט זינגען — 20
עפן מיר — 21
איך האָב מורא — 22
קוש מיר — 23
ס׳אַראַ פרייד — 24
אַ זומער נאַכט — 25
אַ כשוף נאַכט — 26
דיין ליבע — 27
אומעטיק, ליבער — 28
דער פרינץ — 30
דו ביזט מיין פרייד — 32
פרילינג פיבער — 33
מיין גאָרטן — 34

מיין מזל — 35

אין דער נאַכט — 36

איך ווינש — 36

שמייכל איך — 37

איך בין צופרידן — 38

די פרייד — 38

אויף דער ווייל — 39

שמייכלט ערגעץ ווער — 40

דער טויט — 41

צו מיין דאָקטאָר — 42

דו ביזט — 43

בייטאָג און ביינאַכט — 44

פרילינג שטייט און אָסיען ביי מיין טיר — 45

מיין טויב — 46

כ'בין פול מיט דיר — 47

טייבעלען — 48

נאָר איינס — 49

רו — 50

דער שוואַרצער טויט מיט בלאַנקן שווערד — 52

אין מיטן שמחה — 53

עס הוידעט זיך די גאַנצע וועלט — 54

אונזערע וועגן — 55

צום יאָר פון חנהטשעלען — 56

מיינע לידער — 57

איך — 58

דערציילונגען :

אַ ים מיט מע נשלאַכע יסורים — 61

ליזעס תכלית — 65

אַ מיספאַרשטענדעניש — 69

רחלס שרעקלאַכע אַנטוישונג — 72

דער שלימזלדיקער מיטאָק — 76

סוף זומער — 78

די ערשטע נאַכט אין סאַן פראַנציסקאָ — 80

פייגעלע — 83

עטעלס דורכפאַל — 85

צוויי חבר'טעס — 89

פון די אַרויסגעבער

די צוויי ביכער — „טייבעלע" און „לידער און דערציילונגען" פון דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער יונגער דיכטערין רבקה גאַלין זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן פון דעם רבקה גאַלין קאָמיטעט, וועלכער איז געגרינ־דעט געוואָרן אין הויז פון דר. י. קלינג אין נאָוועמבער 1936.

אין דעם קאָמיטעט זיינען אַריין שרייבער, דיכטער, קולטור־טוער און פאַרשטייער פון די אידישע וועלטלאַכע שולן.

דעם נויטיקן פאָנד פאַר דער אויסגאַבע פון די ביכער האָט דער קאָמיטעט געשאַפן דורך ביישטייערונגען, סובסקריבשאַנס און אייניקע קליינע אונטערנעמונגען.

אין קאָמיטעט האָבן אַנטייל גענומען: רייזל אָסטראָוו, פריידע איזראַילאָוו, דוד אַפּאַלאָוו, היימאַן בלום, מאָריס בלום, ראובן בלום, שרה גאַלין, ציליע דראַפּקין, ראַשעל וועפּרינסקי, פּ. יאַנאָווסקי, מרים כהן, ראָזע לאַזאַרסאָן, רייזל לאַנדע, ז. ליבין, מאַני לייב, בען מאַנדעל, נח מישקאָווסקי, חנה נאָוואַק, מאַקסים קאַצנעלענסאָן, בערטאַ קלינג, דר. יחיאל קלינג, סאָניע קירשנבוים, שרה רייזין, מרים ראַסקין, מינע ראַבינאָוויטש־ריווקין, מינע שקלאַרסקי און זלאַטע שיינברוין.

דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געווען דר. יחיאל קלינג, דער קאַסירער בען מאַנדעל און סעקרעטאַר נח מישקאָווסקי.

די ביכער זיינען צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט געוואָרן פון מאַני לייב און נח מישקאָווסקי.

כמעט אַלע זיצונגען פון קאָמיטעט זיינען פאָרגעקומען אין הויז פון דר. יחיאל און בערטע קלינג.

אינ'ם בוך „טייבעלע" זיינען אַריין צען נייע לידער, וועלכע זיינען אין דער ערשטער אויסגאַבע ניט געווען. אויך איז אַריין די ביאָגראַפיע פון רבקה גאַלין. אינ'ם בוך „לידער און דערציילונגען" זיינען אַריין אירע דערציילונגען ווי געדרוקטע אַזוי אויך נאָך ניט געדרוקטע. דאָס זעלביקע איז מיט די לידער. אי די דערציילונגען און אי די לידער דערשיינען איצט צום ערשטן מאָל אין אַ בוך פאָרם.

עס זיינען נאָך פאַרבליבן אייניקע לידער און דערציילונגען, וועלכע זיינען אין בוך, צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן, ניט אַריין. אויך האָבן מיר ניט פאַרעפנטלאַכט אירע בריוו, וועלכע פאַרמאָגן אַ גרויסן לי־טעראַרישן ווערט. די אַלע איבערגעבליבענע מאַנוסקריפּטן אירע שיקן מיר איבער דעם ווילנער וויסנשאַפטלאַכן אינסטיטוט.

מיט דעם איז די אַרבעט פונם קאָמיטעט פאַרענדיקט. און מיר זיינען מער ווי צופרידן, וואָס אונז איז געלונגען דורכצופירן אַזאַ וויכ־טיקע אַרבעט פאַר דער אידישער קולטור און פאַר די אידישע וועלט־לאַכע שולן.

רבקה גאַלין קאָמיטעט

עס זיינען אַרויס פון דרוק:

טייבעלע פון רבקה גאַלין - - - - - - - - $1.00

לידער און דערציילונגען פון רבקה גאַלין - $1.50

עטיאָפּיע און די אידן אין אָריענט

פון נח מישקאָווסקי - - - - - - - - - - $1.00

דער קינדער סטרייק פון נח מישקאָווסקי - - - 30ס.

הויפּט פאַרקויף ביי:

N. MISHKOWSKY
2291 Mott Avenue, Far Rockaway, New York

און אין אַלע בוך געשעפטן